## צו דער באַנייאונג פון דער „סביבה"

מיר באַנייען דעם זשורנאַל פאַר ליטעראַטור די „סביבה", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיבעצן יאָר צוריק אין ניו־יאָרק ווי אַ צוויי־חודש־זשורנאַל. איצט וועט די „סביבה" אַרויסגיין איינמאָל אין דריי חדשים.

פון די שרייבער, נאָענטע מיטאַרבעטער פון דער „סביבה" פון יענער צייט, פעלן איצט אַ סך, און עס פעלן אַ סך פון די לייענער. דער תחום פון אידיש האָט זיך פאַרשמעלערט. עס איז איצט שווערער אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל פאַר ליטעראַטור ווי מיט זיבעצן יאָר צוריק. אָבער ער איז איצט ניט ווייניקער נויטיק, ווייל נאָך מער ווי עס האָט זיך פאַרשמעלערט דער תחום פון אידיש — איז געפאַלן דער געמיט, און צוזאַמען דערמיט די השגות.

מען דערציילט וועגן אַ שדכן וואָס האָט געוואָלט אויספירן אַ שידוך און געפרואווט צוריידן דעם חתן־בחור צו אַ כלה וואָס האָט געהאַט ניט קיין שיינע אויגן: „ווי גרויס איז דאָס אַן אויג ?" — האָט ער געטענה'ט — „וואָס פאַר אַ חילוק איז דאָס שיינע, אָדער נישט קיין שיינע אויגן ?" בנוגע צו דער אידישער ליטעראַטור גילטן איצט די השגות פון דעם שניט וואָס עס איז פאַר זיי „קיין חילוק ניט".

גראָד איצט, ווייל אונזער תחום איז שמאָל, זיינען מיר באַפוילן אָפּצו־היטן די העכערע מדרגה, און עס איז רעכט צוליב דעם די באַזונדערע אָנשטרענגונג אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישע שריפט.

מיר גלויבן — לא אלמן ישראל, און עס זיינען נאָך דאָ ביי אונז, מסתם, אַ מנין אידן וואָס פילן די נויטיקייט פון אַזאַ אויסגאַבע.

---

„סביבה" זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק

רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**

Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy

*Editor:* K. MOLODOWSKY, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.

PRINTED IN U·S·A



# סביבה

### פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

◈

די ווייזערס פון אידישן זייגער ........ ק. מאָלאָדאָווסקי
אַ לאַדזשערין (קאָלאָקוויאַל) ........ אהרן צייטלין
ביי די האָלעוועשקעס פון אַ דור ........ אפרים אויערבאַך
זיבן לידער ........ גבריאל פרייל
שידה און כוזיבה, אָדער דער טונעל (דערציילונג) ........ יצחק באַשעוויס
פאַנאַטיזם ........ דר. ש. מאַרגאָשעס
מענדעלעס רמזים ........ שמחה לעוו
קינדס טרויער, איובס ווייב (לידער) ........ א. לעיעלעס
דער ערשטער טאָג (דערציילונג) ........ דבורה באַראָן
יונגע געזאַנגען פון טויטן־טאָל, איבערזעצט פון ........ יעקב גלאַטשטיין
וועגן סוד הצמצום ........ מלך ראַוויטש
לידער ........ יוסף רובינשטיין
יעקב גלאַטשטיינס „אין תוך גענומען" (אָפּהאַנדלונג) ........ משה שטאַרקמאַן
דאָרט וואו די צעדער...
ד אָ ר ט  ו ו א ו  ד י  צ ע ד ע ר...
א) יער הקדושים (לידער) ........ אפרים אויערבאַך
ב) צפת, כאַמסין (לידער) ........ רחל קאָרן
ג) דער שטיינהעקער פון ראשון (קאַפּיטל פון אַ פּאָעמע) ........ קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
יעקב גאָרדין (זכרונות) ........ י. אַדלער
דער אָפּרוף אויפן ערשטן נומער „סביבה".

◈

נומער 2

שבט, תשכ"א — פעברואַר, 1961

ניו־יאָרק, נ. י.

# די ווייזערס פון אידישן זייגער

איבער די געצעלטן פון דער ליטעראַטור אין פאַרשיידענע שפּראַכן פון די אומות העולם טראָגן זיך אַרום סימבאָלן, וואָס באַצייכענען די שרייבערשע מלאכה. עס איז געשאַפן געוואָרן דער האַלב־שמייכלענדיקער באַגריף וועגן די מוזעס, די צויבער־מיידלעך וואָס באַווייזן זיך אומגעריכט צו די מחברים, איבערהויפּט די פּאָעטן, און ברענגען זיי די שטראַלונג פון אַ ווערק און דעם אימפּעט צו דער שווערער אַרבעט. און די מוזעס זיינען ניט די איינציקע. זיי צו הילף קומט אונטער דער שאַרפזיניקער און היפשלעך סאַרקאַסטישער באַגריף פון דעם „פּעגאַז", דאָס באַפליגלטע פערד, וואָס שלעפּט דעם לאַסט־וואָגן פון די ניי־געשאַפענע וועלטן פון מחברים. (אגב, דער סימבאָל גופא — אַ פערד וואָס האָט פליגלען — ווינקט אָן אויף בײדע רשויות, פון ערד און הימל, וואו דער מחבר דאַרף זיין אַ בן־בית — נעמען די שטרוי און די סעטשקע פון דער ערד און זיי לייטערן אין די שטראָמען פון הימל). אָט די סימבאָלן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן, די באַהעלפער צום מחבר, ברענגען אַרויס די ספקות: צי איז טאַקע דער שרייבער דער איינציקער שעפער פון זיין ווערק, אָדער עס זיינען דאָ כחות, וואָס שטייען אויסער אים און ער איז אָפּהענגיק פון זיי?

אידישע דענקער און פּאָעטן האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט דער פראַגע — און דאָ גייען מיר אַריין אין אַ שטרענגערער ראַם. אַ איד וועט זיך ניט גיין „אַרומשפּילן" מיט די מוזעס, און מיט אַ פערד, אַפילו אַ פליענדיקן, אַוודאי ניט. לויט אונזער אמונה זיינען מיר דערצויגן אויף אַבסטראַקטן דענקען. פאַר אונז איז גענוג דער סימבאָל פון אַ וואָרט, וואָס קען זיין אָנגעווענדט אויף אַ פלאַץ, און אויף מענטשן; אויף אַ טאַט, און אויף אַ שטיין; אויף אַלץ, וואָס עס איז אויסגעצייכנט מיט זיין אויסטערלישקייט. צום ביישפּיל, די שכינה. זי קען רוען אויף אַ באַרג, און אויף אַ מענטשן, און אויף יעדער זאַך וואָס איז באַרירט געוואָרן פון הייליקייט.

ר' משה איבן עזרא האָט אָנגעשריבן אַ בוך „שירת ישראל". ער באַהאַנדלט די פראָצעסן פון קינסטלערישן שאַפן, שטעלט זיך אָפּ אויף די אייגנשאַפטן פון שפּראַך, אויף די געאָגראַפישע, קלימאַטישע, געשיכטלעכע און אַנדערע באַדינגונגען, וואָס פורעמען דאָס שאַפן פון אַ פאָלק, און וואָס האָבן אַ ווירקונג אויפן מחבר. צו דער שאַפונג פון אידישן פאָלק קומט ער בקפיצת הדרך, מיט איין שפּאַן: עס איז רוח הקודש. דאָס הייסט, לויט ר' משה איבן עזרא, אַז דאָס ווערק איז בעצם נישט דער אויפטו פון דעם מחבר, נאָר עס איז אים געגעבן געוואָרן מן השמים. דערמיט אַליין לייגט ער דעם גאַנצן געוויכט אויפן ווערק. נאָך מער — דער מחבר איז מחויב זיך אויפפירן לייטיש כדי קיין שאָטן זאָל אויף זיין ווערק ניט פאַלן.

אין שפּאַן ווייטער גייט נאָך אַן איבן — ר' שלמה איבן גבירול. אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן, ווי ער האָט עס געקענט, אין עטלעכע קורצע שורות פון אַ ליד, שטעלט ער אַוועק אי דעם מחבר, אי דאָס ווערק — יעדערן אויף זיין פלאַץ. ער ציט אונטער אַ מאָראַלע באַזע אונטערן פראָצעס פון שאַפן. ער זאָגט וועגן זיך:

על היקור אחמול והאל יענה
נפש אשר על היקור חומלת.
אולי אלהים שם בפי דבר כמו



אבן יקרה ותהי נחלת,
כשיר אשר יושר וירח אַף אנוש
מבין אמריו חלבנה ושחלת.

עס וואָלט ווייט פאַרפירט אויף אָפּצושטעלן זיך אויף דער איידלקייט פון דער ערשטער שורה און אויף די ווערטער וואָס ער באַנוצט. יעדעס וואָרט האָט דאָ עטלעכע אָפּשיינונגען. למשל, דאָס וואָרט „יקור" קען זיין דאָס טייערע, און דאָס דערהויבענע, און דאָס פאַרערטע, און דאָס זעלטענע, און נאָך עפּעס דערצו. און אַזוי אויך דאָס וואָרט „אחמול", און דאָס וואָרט „יענה" אין דעם זין ווי ער האָט עס דאָ באַנוצט. אָבער אַרום און אַרום אויף אידיש הייסט עס:

איך בין גערירט פון דערהויבענעם, און גאָט ענטפערט
אַ נשמה וואָס איז גערירט פון דערהויבענעם.
אפשר האָט גאָט מיר צום מויל געבראַכט אַ וואָרט,
אַ פערל־וואָרט וואָס וועט אַריבער בירושה,
ווי אַ ליד וואָס ווערט געזונגען, און עס דערשפּירט דער מענטש
אין ווערטער דעם ריח פון בשמים.

ר' שלמה איבן גבירול האַלט ניט דעם מחבר פאַר סתם אַ „וואַסער־טרעגער" וואָס ברענגט דאָס זיסע וואַסער. ער מוז האָבן באַזונדערע שטרעבונגען און דעמאָלט „ענטפערט אים גאָט". נאָך מער שטעלט ער זיך אָפּ אויפן ווערק: דאָס וואָרט וואָס איז אים געגעבן געוואָרן איז אַ פערל־וואָרט, וואָס וועט אַריבער בירושה. דערנאָך ברענגט ער די ווירקונג פון דער ירושה — און אויף זיין מיטלעלטערלעכן אופן פון אויסדריק באַצייכנט ער דאָס, אַז דורך די ווערטער זיינע וועלן די מענטשן דערשפּירן דעם ריח פון בשמים. (מעגלעך אַז אין דעם אויסדריק זיינען פאַראַן רמזים, ווייל בשמים האָט מען גענוצט אין בית המקדש).

בכלל האָט מען זיך ביי אידן ווייניק פאַרנומען מיטן מחבר. דער עיקר איז געווען דאָס ווערק. אין אונזער רעליגיעזער ליטעראַטור האָט מען גאָר פשוט דעם נאָמען פון מחבר משלח געווען און אים גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר. דעם ספר האָט מען געלערנט אָדער געלייענט און קיינער האָט זיך ניט געקימערט וועגן דער פּאָפּולאַריטעט פון דעם מחברס שם פּרטי. זאָלן אידן לערנען און גיין בדרך הישר — דאָס איז געווען דער ווייטסטער אויסבליק.

משה לייב האַלפּערן, וואָס איז היפשלעך ווייט אַוועק פון די אויפפּאַסונגען פון אונזערע אַמאָליקע משוררים, אָבער לויטן אינערלעכן „פּינטעלע איד" קומט ער צו דער זעלביקער שוועל, ווען ער רעדט צווישן דער סמיכת הפּרשות צווישן אים און זיין ליד. ער זאָגט עס, פאַרשטייט זיך, אויף זיין שטייגער, מיטן שטאָך צו זיך אין האַרצן אַריין, און מיט דעם יאוש וואָס שוועבט איבער זיינע לידער:

אַ מאָדנע מחשבה: איך קוק אויף דער פען,
און איך קוק אויף מיין האַנט וואָס זי שרייבט און מיר דאַכט,
אַז איך בין געשטאָרבן אין היינטיקער נאַכט,
געשטאָרבן אָט דאָ ביי דער גויע אין הויז,
און מער נישט — די פען איז געבליבן פון מיר,
די פען און אַ ליד אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

דאָס איז געגומען גאַנץ פּערזענלעך, און אויפן משה לייבישן שטייגער מיט דער ביטערער איראָניע („ביי דער גויע אין הויז"), אָבער עס איז אין תוך די זעלבע מסקנה: ער באַזאָרגט דאָס ווערק, „אַ ליד אויף אַ שטיקל פּאַפּיר".

גאַנץ אויסדריקלעך און אָן קיין שום פאַרבאַהאַלט ברענגט אַרויס ח. נ. ביאַליק אָט דעם אידישן צוגאַנג צום מחבר און זיין ווערק, ווען ער רעדט וועגן העגריך היינע. „בשום אופן וואָלט איך ניט אויסגעלייזט זיין מאָנומענט, זיין באַרימטע מצבה. דאָס איז דאָך זיין שאַרפסטע ליד, זיין ביטערסטער און גרויזאַמסטער געלעכטער נאָכן טויט. — — — אָבער עס איז ניטאָ קיין גרעסערע מצווה ווי איבערזעצן אויף העברעאיש זיינע לידער".

מען מוז מודה זיין, אַז אַזוי ווייט אָפּטיילן דעם מחבר (אָדער דעם אָנדענק וועגן אים) פון זיינע ווערק איז אַביסל איבערגעבויגן דעם שטעקן. אַפילו דעם „גוי" דעם וואַסער־טרעגער קומט דאָך אויך אַ שטיקל שבתדיקע חלה. אָבער דאָס כאַראַקטעריסטישע איז — די איינשטעלונג, — דאָס ווערק זאָל בלייבן און איינגעזאַמלט ווערן אין אוצר פון אידישן שאַפן.

עס איז ביי אונז שטענדיק געווען קודם כל דער „אמר" — וואָס האָט ער געזאָגט. אמר רבי עקיבא — האָט געזאָגט רבי עקיבא. אָן קיין שום שילדערונגען פון דעם רבי עקיבא דערציילט מען וואָס ער האָט געזאָגט.

אין אונזער צייט, אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, לאָמיר זאָגן פון די צייטן פון מענדעלע מוכר ספרים, האָבן זיך די וויזערס געדרייט אין דער זעלביקער ריכטונג. די איינשטעלונגען פון אידן צום מחבר און צו זיין ווערק זיינען געבליבן ווי שטענדיק, אויף זייער טראַדיציאָנעלן וועג. די „קליאַטשע" איז געווען זייער אָנגענומען ביים פאָלק. דאָס בוך איז געווען אין יעדן הויז ביי די משכילים, און אַפילו פרומע אידן האָבן אויך אַריינ־געקוקט אין מענדעלעס „קליאַטשע". מענדעלע איז געווען אַן אייגענער מענטש אין יעדער אידישער שטוב. אָבער ווער האָט געקענט מענדעלען פּערזענלעך? ווער האָט אים באַדאַרפט קענען? דער עיקר איז געווען מען האָט אַריינגעקוקט אין זיין בוך, און אויפן יסוד פון זיין ווערק איז אָנגענומען געוואָרן דער מחבר. שלום עליכם, ווען ער איז געקומען אין אַ שטאָט, איז מען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ כדי אַ קוק צו טאָן אויף אים. דאָס איז געווען דערפאַר וואָס מען האָט ליב געהאַט טביה דעם מילכיקן, אָדער מנחם מענדלען. שלום עליכם איז געפאָרן אין דער קאַרעטע פון זיינע ווערק.

ווען דאָס ווערק איז דער עיקר, איז דאָס פאָלק, דער לייענער־עולם דער הויפּט־קריטיקער. וואָס עס איז די מענטשן „זיס צום גומען" לייענען זיי, האָבן עס ליב און זיי שמעלצן אויס די קרוינען פאַר אַ ווערק אין די מינץ־אויוועלעך פון האַרצן. דאָס איז דער חותם פון פאָלק און קיינער קען קיין דעה ניט האָבן איבער דעם. דאָס בוך האָט ניט באַדאַרפט אָנקומען צו אויסער־לעכן פירסום. עס איז געלעגן אויף די שטילע פּאָליצעס פון אַ ביבליאָטעק, אָדער אין אַ פּריוואַטער שטוב און עס האָט געהאַט איינפלוס אויף אַ דור, אָדער אויף דורות — וויפל גאָטס ברכה האָט געסטאַיעט. און ווען מען האָט אונז אָנגערופן עם הספר האָט עס געהאַט אַ זין. דאָס האָט געמיינט, לעבן אונטער די השפעות פון ספר הספרים און פון אַנדערע ספרים.

און דאָס איז נישט גלאַט אַ ווערטל. דאָס איז אַן אויפפאַסונג פון די גויגונגען פון דעם פאָלק. אַ כאַראַקטעריסטיק פון זיינע אויפפירונגען כלפי פנים און כלפי חוץ. אַפילו פורים, ווען דער איד מאַכט אַ שנאַפּס — וואַלגערט



ער זיך ניט אין רינשטאָק, נאָר ער לייענט גאָר די מגילה. און שבועות עסט ער טאַקע מילכיקע בלינצעס, אָבער ער מוז, ער מוז טאַקע, אָפּזאָגן די גאַנצע מגילת רות פון עק ביז עק. דאָס איז געווען אַ מין „קולטור־טעטיקייט". ווען מיר וואָלטן איצטער צו אונזערע קולטור־טעטיקייטן צוגעשפּאַנט מגילות, די אָדער אַנדערע, וואָלטן די „טעטיקייטן" ניט געוואָרן קיין עורבא פרח, וואָס לאָזט אַפילו קיין שאָטן ניט איבער. מען נעמט ניט גלאַט אַזוי אָן מי דעם טיטול פון אַן עם הספר. צוזאַמען דערמיט זיינען מיטגעגאַנגען מידות, און דער צניעותדיקער אידישער שטאָלץ וואָס מיר האָבן אים אין אונזער אָרעמקייט קיינמאָל ניט פאַרלאָרן.

„אויב דו ווילסט ווערן אַ שיקסע, טו אָן מאַגדעס פּאַטשערקעס" — פלעגט מיר זאָגן מיין פעטער, אַ איד וואָס האָט געהאַט אַ סך ווערטלעך. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין וויאַזוי קענען דאָס פּאַטשערקעס אויפטאָן, און וויאַזוי קענען זיי מאַכן אַזאַ איבערקערעניש. אָבער אין דער אמתן איז געווען אַ היפּשע פילאָזאָפיע אין דעם זאָג. גיי אַרויס פון דיינע מידות — ווערסטו אַן אַנדער בריאה. און אין אַ געוויסן זין האָבן מיר איצט אָנגעטאָן מאַגדעס פּאַטשערקעס.

דאָס ווערק איז אָפּגערוקט געוואָרן אָן אַ זייט. בעצם, מען דאַרף עס גאָרניט האָבן אויך. מען איז אַריינגעפאַלן אין אַ בולמוס פון „פייערונגען". פייערונגען לשמה. דאָס טוען קליינע געזעלשאַפטן פון דריי מיט אַ האַלבע מענטשן, דאָס טוען אָבער גרויסע אויך.

מיר איז שוין אויסגעקומען ביי צוזיין אויף אַ ליטעראַרישער אונטער־נעמונג, וואו מען האָט „געפייערט" אַ מחברטע פון אַ „קוק־בוך" (אַ בוך פון קאָכן). ווען איך האָב פאַרזיכטיק אויסגעדריקט מיין פאַרוואונדערונג, האָט מען מיר דערקלערט, אַז ערשטנס, איז זי דאָך אַ מחבר; צווייטנס, איז זי זייער אַ טעטיקער מענטש, און דריטנס, איז זי אַ מיטגליד פון דער קולטור־קאָמיסיע. איך האָב נישט קיין שום קאָנפליקט מיט דער קולינאַרער קונסט, און אַוודאי ניט מיט דער קולטור־קאָמיסיע, און זיכער ניט מיטן פאַרזיצער וואָס איז געווען זייער אַ חשובער איד, נאָר איך האָב פאַרשטאַנען ראַוויטשן, וואָס ער איז אַ וועגעטעריאַנער, ווייל אין אַזאַ קאַניבאַליזם איז מען טאַקע מיטן לעבן ניט זיכער.

ווען מען גייט אַוועק פון דעם ווערק און מען ליאַלקעט אויס אַ מחבר, גייט מען אַוועק ממילא פון דעם „והגית בו" — קוק אַריין אין די בלעטלעך. עס זיינען ביי אונז אַמאָל געווען חברות, אַ חברה משניות, אַ חברה ש"ס, אַ חברה תהילים. זיי האָבן זיך גערופן אויפן נאָמען פון די ספרים וואָס זיי האָבן געלערנט, און ניט אויפן נאָמען פון די צוזאַמענשטעלער אָדער מחברים. אַפילו דוד המלך אַליין, וואָס ביים פאָלק איז אָנגענומען אַז ער איז דער מחבר פון תהילים, און זיין צויבער איז אומגעהויער, פונדעסטוועגן האָט ער אויך ניט געפועלט אויף צו ענדערן דעם אידישן גאַנג. מען האָט זיך ניט גערופן אויף זיין נאָמען „חברה דוד", נאָר חברה תהילים — מען האָט געצילט צום ווערק. דאָס איז אונזער דרך פון דעם עם הספר. אָט אַזוי גייען אונזערע וויזערס.

עס קען זיין, אַז דערפאַר וואָס מיר האָבן זיך דערווייטערט פון דעם „והגית בו" — קוק אַריין אין די בלעטלעך — האָט זיך געביטן די ריכטונג פון די וויזערס פון אונזער טראַדיציאָנעלן זייגער, און מען איז אַריבער־געשפּרונגען פון דעם נאַטירלעכן פירסום פון ווערק, צו פייערונגען און

פירסום פון מחברים מכל המינים שהוא. עס איז געווען גענוג אַז מען וואַרפֿט אויף אים אַרויף צען פּוד שבחים (און אויף דער שבחים־פּראָדוקציע איז איצט אַ גוואַלדיקע גערעטעניש) און מען פֿירט אַריין אַ פֿליג מיט מוזיק.

עס איז ניט קיין גראַטעגער איבערבייט. איז שוין אפשר גלייכער זיך אומקערן מיטן ניט־ברוקירטן וועג צו די מעטאָדן פֿון דער חברה תהילים. זיי האָבן, אמת, געהאַט אַ סעודה בלויז איינמאָל אַ יאָר, און דעם מלך דוד נעבעך האָט מען איינגאַנצן אַוועקגעשאַרט אָן אַ זייט, און זיין פֿאַרלעגער אויך, אָבער דערפֿאַר האָט די חברה געהאַט דעם מזמור שיר אַ גאַנץ יאָר, און דאָס איז געווען דער עיקר. און צוליבן מזמור שיר לוינט זיך שוין צעטרענצלען אַביסל מחשבה, צי קומט דער מזמור ברוח הקודש.

ק. מאָלאָדאָווסקי

*

## אַ לאָדזשערין

אהרן צייטלין

(קאַלאַקוויאַל)

דער טאָג איז איבער לאָדזש געקראָכן ווינטערדיק און בלאָטיק.
בלויז די פּעטריקאָווער גאַס, פּאַרקילט און אין קאַלאָשן,
איז געלאָפֿן צו דער וועלט, צו ווייטקייט, צו עקזאָטיק.
די דייטשע לידער אירע — אַ־לאַ לאַסקער־שילער —
האָט מיר די חסידים־טאָכטער פֿאַרגעלייענט. ס'האָט אַ שד אַ שטילער
אין שאָטן פֿון די וויעס אירע זיך געצונדן און געלאָשן,
אָט געטאָן אַ שפּרונג אַ פֿלעמלדיקן, אַ פֿאַרצוקט־נערוועזן,
אָט זיך פֿאַרטאַיעט ווי אַ מויז אונטער אַ בעזעם,
בסוד געפּראַוועט דמיונ'דיקע מאַניפֿאַרגעס,
געחלומט וועלט־מרחקים, ווייטע אָרגיעס,
אַוואַנטורעס פֿון עקזאָטישער עראָטיק — —
(אָ, ס'איז דרויסן אַזוי לאַנגווייליק געווען און בלאָטיק).

אַריבער זיינען יאָרן. כ'האָב געהערט:
זי איז אַוועק קיין אויסלאַנד, מיט אַ גריך אַ קאָמוניסט
געלעבט, געשריבן לידער אַלץ פֿאַרקנוילטער און מאָדערנער
(אַ פּלפּול־עכאָ, מן הסתם, פֿון דורות לערנער)
און גאָרנישט איז געשען. עס האָבן טעג זיך בלויז געמערט.
צום סוף איז פּאָרט געשען עפּעס. אַפּנים, אַז אומזיסט
האָט יענער שד, דער אומעטיקער חוטא,
געוואַרט, געחלומט אָרגיעס בראַנדיק־רויטע
(ווי ס'האָבן פֿרומע אבות דורך דעם לאַנגן גלות
געוואַרט — להבדיל טויזנטער הבדלות —
און געטרוימט פֿון מלכות־שדי אויף דער ערד).
ס'איז איר, ווייזט אויס, געווען אַזוי באַשערט,
אַז אויך אין יענער ווייט, וואוהין ס'האָט זיך געריסן
דער שד אירער, זאָל זי פֿון שטורעם־גליק נישט וויסן
און קריכן זאָלן אירע טעג אַ לאַנגווייליק געקריך.
ביז איינמאָל האָט זי אים דערשאָסן, יענעם גריך,
און נאָכדעם — זיך.



# ביי די האָלעוועשקעס פֿון אַ דור

נאָך פֿון די קינדער־יאָרן איז ביי מיר פֿאַרבליבן אַ ציטער צו האָלעוועשקעס. אין שטוב, אַז מען האָט ווינטער איינגעהייצט די רובע, האָט דאָס האָלץ צום אָנהייב געפֿלאַקערט, געברענט הויך, מיט אַ טרעשטש. די רובע האָט זיך אָבער אָנגעוואַרעמט פֿון די האָלעוועשקעס. שטיל האָבן זיי געטליעט, — פֿון אויבן צוגעדעקט מיט געקאַרבטן אַש און אין דער טיף — פֿונקען, וואָס האָבן אַ לויכט־געטאָן און זיך צוריק אַריינגעדעקט אינעם אַש. דער פֿלאַם האָט גיך אָפּגעפֿלאַקערט, אָבער די האָלעוועשקעס האָבן געדויערט איבער נאַכט און פֿאַרשפּרייט וואַרעמקייט אין דער שטוב.

יעדער שפּעטערישער דור צינדט זיך אָן, ברענט־אויף, שפּריצט פֿונקען אַרום זיך און אַרויף צו די הייכן. יעדער שפּעטערישער דור דערברענט צו האָלעוועשקעס, צום שטילן פֿייער, וואָס איז מער אין דער אייגענער טיפֿעניש, ווי אינעם פֿלאַקער צום דרויסן. אין האָלעוועשקעס איז דאָ אַ סך טראַגישע שיינקייט, אַ סך אין זיך פֿאַרטיפֿטער טרויער.

זיינען מיר געקומען צו די האָלעוועשקעס פֿון אונזער שרייבערישן דור. מיט גרויס־טראַגישקייט זיינען מיר צו זיי דערגאַנגען, וואָרים אין זיי איז דאָ דערקענטעניש פֿון זיך אַליין, און יעדער אייגן־דערקענטעניש פֿאַרמאָגט אין זיך טראַגיזם. דער גרויס־טראַגיזם דאַרף דערפֿאַר זיין אַ גרונט־מאָטיוו פֿונעם דור'ס שפּעטערישקייט. גרויס־טראַגיזם איז בשום אופֿן נישט קיין יאוש. פֿאַרקערט, וואָס גרעסער דער טראַגיזם איז, אַלץ מער לויכט אין אים דער שפּעטערישער אמת, און שפּעטערישער אמת איז דער היפּך פֿון יאוש. אָבער, אַז מיר זיצן ביי די האָלעוועשקעס פֿון אונזער דור, טאָרן מיר נישט אַנטלויפֿן פֿונעם וואונדער־מיסטישן אמת, אַז עס איז אומפֿאַרמיידלעך: אויסלעשן מוז איין קויל, אַ צווייטע, אַ דריטע.

אַוודאי טראַכטן מיר פֿון די יונגע פֿייערן, וואָס דאַרפֿן זיך צעשייטערן הינטער אונז און דערוויל זיינען ווייניק די נייע אָנצינדערס. מיר טראַכטן אויך, אַז ווען אַ קויל לעשט זיך אויס, בלייבט איבער נישט מער ווי אַש. אָבער ביי די האָלעוועשקעס פֿון אַ דור איז קיינמאָל נישט פֿריילעך און דאָס איז אפשר דאָס גרויסקייט, דאָס דערהויבנקייט, — דער יום־טוב פֿון דער־ברענען, דערלויכטן.

אָבער נישט נאָר ביי די האָלעוועשקעס פֿון אַ דור שרייבער זיצן מיר, אויך ביים אויסגאַנג פֿון אַ גרויס קאַפּיטל אין אונזער געשיכטע און ביים אויפֿגאַנג פֿון אַ נייעם. דאָס ליגט אויף אונז אַרויף התחייבותן, וואָס קיין שום דור פֿאַר אונז האָט זיי נישט געהאַט. מיר זיינען די מסיימים פֿון טויזנט יאָר אידיש לעבן אין מזרח־איירעפּע. מיר דאַרפֿן דערכאַפּן די לעצטע פֿעדים, וואָס האָבן אונז צונויפֿגעבונדן מיטן אייגענעם עבר אונזערן און האָבן זיך געצויגן ווייט אין די דורות פֿאַר אונז.

ווייס איך נישט, צי מיר זיינען בכח צו זאָגן דעם געשיכטלעכן הדרן, ווי ביי סיום הש"ס. ביי געשיכטע איז, דאַכט זיך, נישט שייך קיין הדרן, וואָרים מיר קענען נישט אָנהייבן צו מישן די דפֿים אויף צוריק. מיר קענען אָבער קינסטלעריש אויפֿמישן די דפֿים און זיי געבן אַ תיקון, זיי באַזינגען.

אַז עס האָט זיך געענדיקט די אידישע מלוכה'שאַפֿט, נאָכן חורבן בית שני, האָבן די וויזיאָנערישע חז"ל אויף זייער שטייגער געגעבן אַ תיקון דער אָפּגעשלאָסענער עפּאָכע: זיי האָבן מתקן־געווען, אין וואָרט, די עבודה

אין בית המקדש, די קרבנות און אַפילו דעם לעבנסשטייגער. דורכן וואָרט, — אין די תפלות און אין לערנען, — איז די געשיכטלעכע עפּאָכע נישט פאַרגאַנגען. פאַרקערט, זי איז גאָר געוואַקסן, געוואָרן אייגענער, געווירקט ווייטער אויפן געשיכטלעכן גאַנג פון אונזער פאָלק.

די הלכה, וואָס אויסגעקוקט האָט זי קאַלט, האָט פאַרמאָגט אין זיך געשיכטלעך פייער צו באַלויכטן דעם גאַנג פון דורות אידן איבער דער וועלט. מיר זיינען נישט קיין בעלי־הלכה, דער אופן אונזערער איז אַן אַנדערער, דער אויסדרוק איז אַן אַנדערער. דאָס התחייבות אָבער איז דאָס אייגענע: דורכן וואָרט וואַרעמען די אויסגעגאַנגענע געשיכטלעכע עפּאָכע, איר געבן אַ תיקון, זי אויפריכטן קינסטלעריש, אַז לדורות זאָל זי אונז לויכטן.

הויך־קינסטלעריש איז דער על נהרות בבל שם ישבנו וגם בכינו בזכרינו את ציון. אויף די ברעגן פון די טייכן, וואָס מיר זיצן איצטער ביי זיי, דאַרפן מיר דערמאָנען די אַלע טייכן פון אונזער געשיכטע, אַז זיי זאָלן אַריין אין אונז, ווי דער על נהרות בבל.

און וואָס איז מכח דעם אויפגאַנג, דעם געשיכטלעכן אויפלויכט? אַוודאי וועלן קומען שרייבער נאָך אונז, וואָס וועלן זיך אָנטרינקען מיט דער שיין פון דער נייער זון אין אונזער געשיכטע. אָבער מיר האָבן דערגרייכט דעם געלייטערטן טראַגיזם פון איבערלעבן דעם חורבן פון אַ גרויס קאַפּיטל אין אונזער געשיכטע און דעם אָנהויב אויפבוי פון אַ ניי קאַפּיטל. מיר דאַרפן זיין בכח צו באַלויכטן דעם טראַגיזם, אים באַשיינען, און צו פאַרטיפן די פרייד מיט די שאָטנס טרויער, וואָס קומענדיקע דורות שרייבער וועלן זיי אפשר נישט דערזען, נישט דערשפּירן, אָדער לכל הדעות זיי נישט דורכלעבן אַזוי נאָענט, ווי מיר.

בין איך, חלילה, מבטל די ריין־יחידישע לידער? באַהיט זאָל איך ווערן. נאָר איך האַלט, אַז דאָס ריין־יחידישע ליד וואַקסט אויך אַרויס פונעם דור, וואָס אין אים לעבט דער פּאָעט. באַהיט זאָל איך אויך ווערן פון געבן אַ פאָרמולע פאַר פּאָעזיע, אָדער אַפילו פּראָזע, וואָרים אָן דער פּערזענלעכקייט פונעם שרייבער איז בכלל נישטאָ קיין עכטע שעפערישקייט. געפּרוּווט האָב איך נאָר אָנצייכענען אַ פּאָר גרונט־מאָטיוון, וואָס צו זיי דאַרף די ליטעראַטור אונזערע דערוואַקסן. און אויף צוויי פון זיי וויל איך זיך בקיצור אָפּשטעלן.

איינס — מיר הערן טענות קעגן שטעטל. נישט דאָס שטעטל, נאָר שרייבער, וואָס ביי זיי איז נאָך דאָס שטעטל אַ גרונט־מאָטיוו. איז קודם די טענה כלל נישט קיין קינסטלערישע, וואָרים עס איז נישט שייך צו זאָגן, אַז די אָדער יענע טעמע טויג נישט. דער עיקר איז דער אופן שרייבן, דעם שרייבערס אַריינדרינג אין דעם מאַטעריאַל. די סאַמע שפּאָגלנייסטע טעמע קען נישט האָבן די מינדסטע קינסטלערישע ווערט און פאַרעלטערטער שטאָף קען שטיין אויף אַ גאָר הויכער קינסטלערישער מדרגה. נאָר אַ חוץ דעם איז דאָס שטעטל פאַר אונז נאָך דער קוואַל פון קינסטלערישן אָנרעג, בפרט נאָך דעם שטעטלס חורבן. מיר זיינען די לעצטע, וואָס ציען די פעדים פונעם שטעטל איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, איבער דעם מיטללענדישן ים, איבער אַלע פּלעינען און אַפילו מדבריות. אַפילו אויפן אינטימערן צונויפבונד מיט דער טויזנטיאָריקער געשיכטע אונזערער אין מזרח־אייראָפּע זיינען מיר אויך די לעצטע. מיר זיינען אַרויסגעוואַקסן פון איר, מיר האָבן געלעבט



אין איר טראַדיציע, מיר האָבן זיך געוואַרעמט אין איר שיין. אַ נייער דור זיינען מיר געווען, אָבער הינטער זיך האָבן מיר געהערט די טריט פון די דורות, וואָס האָבן אויסגעזונגען דעם ריטעם פון אַ גייסטיק־רייכן אידישן לעבן.

צוויי — וואָס איז שייך דעם נייעם קאַפּיטל אין אונזער געשיכטע, — מדינת ישראל, — איז אויך דער אידיש־שרייבער סענסיטיווער צו דעם, ווי דער העברעאיש־שרייבער, וואָס איז געבוירן, אָדער אויסגעוואַקסן אין דער מדינה. דערפאַר, וואָס דער אידיש־שרייבער טראָגט אין זיך דעם טראַגיזם פון דעם אָפּגעשלאָסענעם קאַפּיטל געשיכטע אין מזרח־אייראָפּע, לעבט ער טיפער איבער דעם יום־טוב פון מדינה׳שאַפט. עס איז אָבער דאָ אַ טיפערע סיבה: הונדערטער טויזנטער אידן זיינען אַריינגעקומען אין ישראל, — פון די געטאָס, פון די לאַגערן, פון די קרעמאַטאָריעס. זייער איבערפלאַנץ אין אַן אייגן לאַנד איז פּסיכאָלאָגיש פאַרבונדן מיט טראַגיזם, מיט אויפשטייג און אַפילו מיט אַראָפּפאַל. דער אידיש־שרייבער קען צוקומען סיי שפּראַכלעך, סיי פּסיכיש, סיי איבערלעבעריש צום מזרח־אייראָפּעאישן אידן, בעת דעם צאַברע־שרייבער איז ער לחלוטין פרעמד. דער אָריענטאַלישער איד בלייבט לרוב שטום אין דער ליטעראַטור, ביז ער וועט פון זיך נישט אַרויסגעבן שרייבער, וואָס זאָלן אים קענען. די היסטאָרישע עובדה פונעם אידיש־שרייבער אין ישראל איז קינסטלעריש צונויפצובינדן די פעדים פונעם נאָענטן עבר מיטן ישראל׳דיקן איצטער, אַריינברענגען דעם טרויער זיינעם אין דער פרייד און דערמיט טיפער מאַכן, דערהויבן דאָס אָנהויב־קאַפּיטל פונעם נאַציאָנאַלן אויפגאַנג אונזערן.

אַ וועלט מיט אַרבעט פאַרן דור, וואָס זיצט ביי זיינע אייגענע האָלעוועשקעס. ער איז רייף צו די קינסטלערישע אויפגאַבן זיינע.

**אפרים אויערבאַך**

*

גבריאל פרייל

# זיבן לידער

## וועגן קאַרשנבוים

ווידער האָט דער בוים זיך רויט צעוויגט.
נאָר דער אַלטער וואָס האָט קאַרשן־טעם
געלאָזט מיך פאַרנעמען
ערשט פאַראַיאָרן —
איז ניטאָ.
דעם זומער זיינען זיינע פרוכטן טונקעלער געוואָרן,
עס ווערן אַלץ נעפּלדיקער מיינע פּרות.

צי דער בוים האָט דערפילט די פעליקייט פונם אַלטן —
קען איך ניט באַשיידן.
נאָר כ׳זע ווי ער טורעמט־אויף דאָס יאָר
מיט אַ רעבעליש־ברומענדיקן פייער,
ווי ער זינגט אין אָנבליק פון טויט־נאַכט

וועגן ווידערקום פון לעבן-קאַלירן.
זאָל נאָר דער מייסטער פוןביימער ענטפערן די תפלה,
אַז דער לעצטער בייז-וועטער, וואָס וועט
דורכוועהען-לייטערן אונזער געביין,
זאָל זיין ווי אַ זומער וואָס צעשטורעמט
די אייביקייט מיט זיין גאָלד.

## אויף יענער זייט פון גאָרטן

מיין בליק, געוואָרפן אַמאָל אויף אַ טייך,
איז שוין איצט ניט טייכיק מער.
איך בין געוואָרן, אויב ניט קיין געדולדיק, איבערגעבעטן שטיין,
דאַן אַ בוים וואָס וואַקסט ווי פון פוילער געוואוינהייט
און פאַרגעסט אַן שלאַנקן אויפגיי פון האָפנונג.

מיין בליק, אַמאָל געהויבן צו אַ באַרג,
איז שוין איצט ניט באַרגיק מער.
איך בין געוואָרן, אויב ניט קיין פאַרזונקענער טאָל,
דאַן אַ נאַכטיקע באַן וואָס שטראָמט אָן אויפהער
און וויל ניט קיין סטאַנציע דערקענען.

איך בין אַ גרויע וויסטעניש אַזאַ
אויף יענער זייט
פון אַ ניט-דאַאיקן גאָרטן.

## רעגן אויפן אינדזל

נאָכן ערשטן פּלוצימדיקן רעגן,
האָבן וואַסער-פּלאָטן ווידער קעגן פענסטער געאַנקערט
און מיר זיינען טרויעריקע אָוונט-מאַטראָסן געוואָרן,
פון אַלע פּאָרטן פאַרלאָזענע.

אין שטוב איז די קאַפּע געווען אַזוי ביטערלעך-וואַרעם
ווי דער פרילינג-אָנגריף פון דרויסן;
דאָס ברויט איז אַזוי זיס געווען אויפן גומען
ווי פעלד-ריח וואָלט נאָזלעכער פאַרנומען;
באַלד וועט אַ זומער אָנקלאַפּן אין טיר, —
און מיר וועלן ווידער זיין אָוונטיקע מאַטראָסן
וואָס זאַפּן איין גאָלדענע רעגנס,
נאָר נאָך מער טרויעריק ווי פריער.

## זייגער קעגן שפּיגל

צי זיינען לעבעדיק די שעה'ן וואָס זעען זיך אין שפּיגל,
אָדער די ווייזערס זיינען שטום-פאַרשטאַרט?
האָט דער שפּיגל די שעה'ן געפאַנגען ווי אַ גלאַנציקער יעגער
און זיי צאַפּלען אין אַ וואַנזיניקער שטייג?



אפשר לויפט צייט פאַרויס ווי אַ בלינדער שליח,
אָדער וואַרפט ווי אַ גנב זאַכן הינטער זיך?

איך ווייס ניט ווער עס האָט פריער מיר דערגרייכט:
דער מאַרש פון מינוטן צי דער ווינטער-זייגער.

## מידער יעגער

נאָכן שרייבן אַלע לידער, באַלאָדענע מיט די שוואַכקייטן פון זיין,
דאָך אַזוי נסים'דיק גאָט-קענעוודיק,
בלייבט די פעדער היינגען אין דער גלייכגילטיקער לופט
אַפילו ווען דיינע פייגל דעקן יעדער לאַנדשאַפט מיט נעסטן
און דיינע פאַרבן גליען נאָך מיט מלכות.

דו זעסט אין ליכט פון אַ שאַרף-אַניקן נאָכמיטאָג,
אַז לידער זיינען בלינדע פיילן
געצילט אין האַרץ פון אַן אייביק-פיקטיווער שטאָט:
דו אַליין ביזט ניט מער ווי אַ מידער יעגער.

## ליכטיקע זאַכן

איך האָב דעם שניי באַשיינט,
ווייל דאָס לייב פונם מענטשן
ווערט צעגאַנגען שניי.

און ווייל דאָס געביין פונם מענטשן
פיבערט-אויף ווי זון
האָב איך איר באַזומערט.
נאָר אַ רעגן-טאָג האָט צום-ערשטן דערזען
מיינע בילדער,
נאָר וואָלקנס האָבן זיך פאַרטראַכט
צווישן מיינע אותיות.

אַזאַ דער דין, אַזאַ דער קוואַל
פון אַלע טיף-ליכטיקע זאַכן.

## האַרבסט אין צענטראַל פּאַרק

עס ברענען די בלעטער און זינגער ציען זיך
צום ווייַן פון אַלע ווייטעניש.
פון שפּיציקע הויכן אַ צעטעלין-פאַקלען
שפּריצן מיט קליינע, ווייסע שרפות.
ווי דורך רויטע וואָלקנס שרייט אַ לייב
זיין דונער אַרויס, —
און אַ קליין מיידל דערציילט מיר
וועגן דעם תהלים-פּאַסטוך,
שוין אַ רוענדיקן ביי די וואַסערן
פון אַן אַנדער האַרבסט.

יצחק באַשעוויס

# שידה און כוזיבא
## אָדער
# דער טונעל

1

ניין אײלען אין דער ערד וואו ס׳טרעפן זיך צוויי פעלזן און ס׳ריזלט אַן אונטערערדיש טײכל זענען זיי געזעסן, די מוטער שידה און אַ חדר־יונגל כוזיבא. די מאַמע האָט געהאַט אַ לײב פון שפינוועבס, האָר ביז די קנעכלען, הינערנע פיס, פליגל פון אַ פלעדערמויז. כוזיבא האָט פאַרמאָגט פאַר אַ צולאָג אײזלשע אויערן און וואַקסענע הערנער. כוזיבא האָט אונטער־געקרענקט. שוין אַ צײט ווי ער האָט געליטן פון קאָלטאָנעס און פיבער. ס׳האָט אים געוואָרפן דאָס זיבעטע קדחת. די מוטער האָט אים יעדע האַלבע שעה אײנגעגעבן טײוולס־קויט, פוך פון אַ רויטער קראָ, זאַפט פון קופּער, שאָטן פון אַ גרוב. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט נעבן אים אויף אַ קישעלע פון קיזלשטײן און מיט אַ לאַנגער צונג אים אויסגעלעקט דעם נאָפּל. כוזיבא איז געשלאָפן דעם שלאָף פון אַ שלאַפן. מיט אַמאָל האָט ער זיך איבערגעוועקט.

— מאַמע, כ׳האָב מורא.

— וואָס האָסטו מורא, זיהנדעלע?

— פאַר ליכט, פאַר מענטשן.

שידה האָט זיך אָפּגעשאָקלט און אָפּגעשפּיגן כוזיבא׳ן.

— וואָס רעדסטו, קינד מײנס? מיר זענען ווײט פון ליכט, ווײט פון מענטש. דאָ איז, דאַנקען גאָט, פינסטער ווי אין מצרים און שטיל ווי אַן אויער. מיר זענען באַשיצט מיט ניין אײלן פעלז.

— מ׳זאָגט, די מענטשן קענען ברעכן פעלזן.

— באָבע־מעשיות! דער כח פון מענטש איז נײערט אויף דער אויבער־פלאַך. די הויך איז פאַר מלאכים, די טיף איז פאַר אונז. דער גורל פון מענטש איז צו פויזן אויף דער הויט פון דער ערד ווי אַ לויז.

— וואָס זענען מענטשן, מאַמע? דערצײל מיר.

— וואָס זיי זענען? דער אָפּפאַל פון דער באַשאַפונג, דער שוים פון דעם קעסל וואו די זינד ווערט געזאָטן. דער מענטש איז דער טעות פון גאָט.

— ווי אַזוי קאָן גאָט, דער אַלמעכטיקער, מאַכן אַ טעות?

— ס׳איז אַ סוד, קינד, אַ סוד. ווען גאָט האָט באַשאַפן די נידעריקסטע פון אַלע וועלטן, די ערד, איז זײן ליבשאַפט צו אונזער האַרינטע לילית געווען שטאַרקער ווי אַלעמאָל. אָבער אויף אַ ווײל האָט ער פונדעסטוועגן פון איר אָפּגעקערט דעם בליק און דערפון האָט זיך געווידמעט אַ פאַר־זעעניש — דער מענטש: אַ געמיש פון פלײש, בלוט, מיסט, לוסט. ער האָט אַ ווײס הײטל, אָבער אינעווייניק איז ער רויט. ער רעדט ווי אַ תקיף, אָבער ער איז שוואַך און שלאַבריק. אַ שטײן קאָן אים צעברעכן. אַ דאָרן טוט אים צעשטעכן. פון היץ ווערט ער צעשמאָלצן, פון קעלט — געפרוירן. ער האָט אַ בלאָז־זאַק אין דער ברוסט און ער מוז זיך אָן אויפהער אָנבלאָזן און אויס־בלאָזן. אין דער לינקער זײט האָט ער אַ יאָדער וואָס טוט כסדר זיך וואַרפן און טרײסלען. ס׳איז דאָ אַזאַ שימל וואָס וואַקסט אין זאַמד און בלאָטע און דאָס דאַרף דער מענטש שלינגען און אויסמײקען. דער מענטש הענגט אָפּ פון טויזנט קאַפּריזן. דעריבער איז ער אַזוי בײזוויליק.



— וואָס טוען זיי, מאַמע?

— שלעכטס, נײערט שלעכטס. אָבער זיי זענען אַזוי פאַרנומען מיט זיך אַז אונז לאָזן זיי געמאַך. אַנדערע לײקענען אַפילו אַז מיר זענען פאַראַן. זיי מײנען אַז אַלדאָס לעבעדיקע קאָן זיך בלויז פּרוכפּערן אויף דער פלאַך. ווי אַלע נאַראָנים, האַלטן זיי זיך פאַר קלוג. זיי לערנען חכמה אויף צעריבן האָלץ באַשמירט מיט פעך. די געדאַנקען זײערע קומען פון אַ שלײמיקער פּאַפּע אין אַ בײנערן שידל וואָס זיצט בײ זיי אויפן האַלדז, ווי אַ שטערצל — אויף אַ טאָפּ. קײן פליגל האָבן זיי נישט. די פיס זענען שוואַך און קאָנען נישט לויפן. אײן זאַך פאַרמאָגן זיי אין אַ גרויסער מאָס — חוצפּה. ווען גאָט, דער געאַכפּערטער, וואָלט נישט געהאַט אַזויפיל געדולד און נישט פאַר־לענגערט זײן גרימצאָרן, וואָלט שוין לאַנג פון דעם מענטשן־פּעבל נישט געבליבן קײן זכר.

— כ׳האָב מורא פאַר זיי, מאַמע, כ׳האָב מורא.

— אַהער וועלן זיי נישט קומען.

— זיי חלומ׳ען זיך מיר אין שלאָף.

— ציטער נישט, קינד. חלומות נאַרן־אָפּ. זיי שטאַמען פון דער פלאַך וואו ס׳הערשט דער תוהו־ובוהו.

2

אין מיטען שלאָף האָט כוזיבא זיך צעוויינט. די מוטער האָט אים אויפ־געוועקט.

— וואָס איז דיר, זיהנדעלע?

— כ׳האָב מורא.

— האָסט שוין ווידער מורא?

— ס׳האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט אַ מענטש.

— ווי האָט ער אויסגעזעהן, קינד?

— פאָרכטיק. ער האָט אַזוי געטומעלט אַז כ׳בין שיער נישט געוואָרן טויב. ער האָט אָנגעצונדען אַ ליכט וואָס האָט מיך פאַרבלענדט. ווען דו וועקסט מיך נישט אויף, וואָלט איך געשטאָרבען פון שרעק.

— וואַרט, כ׳על זאָגען אַ שפּרוך.

און שידה האָט געמורמלט:

האַר פון דער טיפעניש,
פאַרשילט די פלאַך;
האַר פון שטילקײט,
פאַרטיליק דעם קראַך.
באַשירעם אונז, פאָטער,
פון מענטש און זײן שפּאָט;
פון ליכט און פון ווערטער —
באַשיץ אונז, האַר גאָט.

אַ ווײל איז געווען שטיל. כוזיבא האָט ווידער אָנגעהויבן אײנדרימלען. שידה האָט אים געוויגט, געצערטלט, זיך געשאָקלט איבער איר בן יחיד, צוגעברומט אַ וויג־ליד. דער מאַן אירער, הורמיז, האָט שוין אַ צײט נישט געלעבט אין דער הײם. ער איז געהאַט אַוועק אין דער ישיבה פון חתים און תחתים, צעהן טויזנט אײלן טיף, לערנען דעם סוד פון שטילשווײגעניש. וואָרים די שטילקײט האָט אַ סך מדרגות. ווי שטיל ס׳זאָל נישט זײן, קאָן זײן נאָך שטילער. די שטילקײט איז ווי אַ פרוכט מיט אַ קערן און דער קערן

אַליין האָט אויך אַ קערן. פאַראַן אַ לעצטע שטילקייט, אַ נקודה וואָס איז אַזוי קליין אַז זי איז אייטל גאָרנישט און אַזוי מעכטיק אַז מ׳קאָן מיט איר באַשאַפן וועלטן. דאָס דאָזיקע פּינטעלע איז דער עיקר פון אַלע עיקרים. אַלדאָס איבעריקע איז נישט מער ווי קלייען, שאָל, קלייד, חצוניות. ווער ס׳האָט דערגרייכט די דנאָ פון שטילקייט ווייסט נישט פון צייט און שטח, פון טויט און תאווה. זכר און נקבה זענען דאָרט באַהאָפטן. ווילן און מעשים זענען היינו־הך. דער תכלית פון שטילקייט איז גאָט, אָבער גאָט אַליין קלעטערט אַלץ טיפער אין זיך. ער נידערט אין זיינע טיפענישן ווי אין אַ הייל אָן אַ באָדעם. ער פאָרשט פון אייביק ביז אייביק זיין אייגענעם תהום.

כוזיבא איז איינגעשלאָפן. שידה האָט אויך אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ. זי האָט זיך אויסגעמאָלט אין דמיון ווי כוזיבא וואַקסט־אויס, ווערט אַ גרויסער טייוול. ער האָט חתונה, ווערט אַ טאַטע און זי, שידה, די עקרת הבית, באַדינט די שנור, די אייניקלעך. מ׳רופט זי באָבע שידה און זי לויזט דאָס קליינוואַרג, פאַרפלעכט ביי די מיידעלעך די צעפּ, שנייצט־אויס ביי די אינגלעך די נאָזן, פירט זיי אין חדר, טראָגט זיי עסן, לייגט זיי שלאָפן. דערנאָך וואַקסן די אייניקלעך אויך אויס, שטעלן שוואַרצע חופות, אַנטשפּויזן זיהן און טעכטער פון באַלעבאַטישע לאַפּיטוטן... דער מאַן אירער, הורמיז, ווערט אַ רבי ביי די שדים, גיט קמיעות, שפּרעכט־אָפּ קריטעכער, קנעלט מיט שרעטלעך די תוכחה פון באַרג עבל, די קללות וואָס בלעם האָט געוואָלט שעלטען, די פאַרויסזאָגענישן פון די נביאי־שקר, די צורעדענישן פון חוה׳ס שלאַנג, די הינטערליסטיקייט פון די נפילים, די צעמישטע שפּראַכן פון דור הפלגה, דאָס פאַרברעך פון דור המבול, די קאַפּויערנישן פון סדום, די אייטלקייטן פון ירבעם און אחאָב, איזבל און ושתי. הורמיז ווערט דער קעניג ביי די שדים. מ׳גיט אים אַ שטוהל אין תהומא דנוקבא רבא, טויזנט מייל ווייט פון דער אויבערפלאַך, וואו קיינער האָט נישט געהערט פון דעם מענטש און זיין שפּיל...

פּלוצים האָט שידה אויפגעציטערט. אַ רויש האָט זיך דערהערט, אַ בויערניש, אַ טראַסקעניש, אַ געקלאַנג און געקלאַפּ ווי פון טויזנט האַמערס. כוזיבא האָט זיך געטאָן אַ טרייסל, אַרויסגעלאָזט אַ יאָמערלעך געשריי.

— מאַמע!

— וואו גייט מען? וואו לויפט מען? געוואַלד, שדים, ראַטעוועט! — האָט שידה געשריגען מיט אַ באַנומען קול. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן כוזיבא׳ן, געפּרואווט מיט אים לויפן, אָבער פון אַלע זייטן האָט זיך דערטראָגן אַ טראַמאַך, אַ האַרמידער. פעלזן האָבן זיך געשפּאָלטן, שטיינער זענען צעשפּרונגען. דאָס שמאָלע לאָך וואָס פירט אַראָפּ אין טיפערע קאַמערן (וואו ס׳וואוינען די רייכע) איז געוואָרן פאַרלייגט און פאַרשטאָפּט. ס׳האָט גערעגנט מיט שטויב, פונקען, שפּליטערס. אַ ליכט האָט זיך דורכגעריסן און — עפּעס גרעלס און גליאיקס וואָס האָט נישט קיין נאָמען אין שאול תחתיה. ס׳האָט געטאָן אַ בלענד און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ ריזיקער עגבער. שידה איז צוגעפאַלן צו דער קעגנאיבערדיקער וואַנט, אָבער זי האָט אויך אויפגעריסן, געוואָרן צעשמעטערט אויף מילי־מיליאַסן שטיקער. ס׳האָט ווידער אויפגעבליצט אַ שיין און ס׳האָט דאָ אויך געבויערט אַן עגבער, — ריזיק און בלינד, שרויפּיק און גרויליק, מיט אַ כח נישט פון דאַנען, מיט אַן אַכזריות אויף יענער־זייט פון גוטס און שלעכטס, גרייט אַלץ צו צערייבן און צעמאַלן...
כוזיבא האָט גע׳חלש׳ט. ער האָט געטאָן אַ זיפץ און איז געוואָרן פאַרגליווערט



אין אָנמאַכט. ער איז געהאַנגען אויף שידה׳ס אָרעמס ווי טויט. שידה האָט אין איר באַדרענגעניש דערבליקט אַ שפּאַלט צווישן דער אָנגעוואָרפענער קופּע שטיינער און זי האָט זיך דאָרט פאַרבאָרגן. זי האָט געהויערט פול מיט פחד און דאָס וואָס זי האָט געזען, איז געווען פאָרכטיקער פון אַלע שרעק־בילדער וואָס ס׳האָבן איר ווען־ס׳איז געמאָלט באָבעס און עלטער־באָבעס אין די נעכט פון תקופת טבת.

די עגבערס האָבן זיך געטאָן אַ לעצטן דריי, די שטיינער האָבן אויפגעהערט פאַלן און אין רויך און שטויב האָבן זיך באַוויזן מענטשן, געצוי ווי די מעשה־דערציילער האָבן זיי אויסגעמאָלט: הויך, צוויי־פיסיק, קויטיק, צויטיק, שטינקיק, מיט פאַרשמירטע פּנימ׳ער, ווייסע ציין און מיט אויגען וואָס ס׳האָט אַרויסגעוואָונקען פון זיי די רשעות, דער הויכמוט, די טראָציקייט. זיי האָבן געברילט אַ מיאוס׳ן קוידערוועלש, געלאַכט אויסגעלאַסן, דערלאַנגט איינער דעם אַנדערן די לאַפּעס, געטאַנצט פון שאָדען־פרייד. דערנאָך האָבן זיי געזויפט אַ סמ׳יק געטראַנק, וואָס פון דעם בלויזן גערוך איז שידה׳ן געוואָרן איבלדיק. זי האָט געוואָלט אָפּמינטערן כוזיבא׳ן פון דעם הינערפלעט אָבער זי האָט מורא געהאַט פאַר זיין וויי־געשריי און ער זאָל נישט שטאַרבן ביים אָנבליק פון די אומגעהייערן. זי האָט איצט געקאָנט טאָן איין זאַך — מתפלל זיין צום שטן, צו אשמדאי, צו לילית און די אַנדערע כוחות וואָס פירן די גרענדע. העלף אונז! — האָט זי גערופן פון דעם קלעם וואו זי האָט געשטעקט. — נישט אין מיין זכות, נאָר אין זכות פון מיין וואויל־געלערנטן מאַן, מיין אָפּגעציטערט קינד, מיינע אַוועקגעקומענע טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע... לאַנג, לאַנג האָט שידה געקניט אין דער ענגשאַפט און פאַרגאָסן טרערן. ווען זי האָט ווידער געעפנט די וויעס, זענען די העסלעכע געשטאַלטן געהאַט פאַרשוואונדן, דאָס געפּילדער האָט זיך איינגעשטילט, אָבער ס׳איז געבליבן נאָך זיי אַ געשטאַנק, אַ הויפן מיסט און ליכט וואָס האָט געהאַנגען אין דער הויך ווי אַ קנויל גרויל. ערשט איצט האָט שידה אויפגעוועקט דעם פאַרשמאַכטן זוהן.

— שטעה־אויף, כוזיבא, שטאַרק דיך! — האָט זי גערופן. — מיר זענען אין אַ ביטערער סכנה.

כוזיבא האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— וואָס איז דאָס? אוי, מאַמע, ליכט!

לאַנג האָט כוזיבא געפלאַטערט און געהוילט, אָבער שידה האָט אים געקושט, געהאַלזט, איינגענומען, געטרייסט. מאַמע־און־זוהן האָבן דאָ מער נישט געקאָנט בלייבן אין דער צעשטערטער נעסט. זיי האָבן געמוזט אַנטרינען. אָבער וואוהין? דער וועג צו הורמיז׳ן איז געוואָרן אָפּגעשניטן. שידה איז איצט אַן עגונה, כוזיבא — אַ לעבעדיקער יתום. מאַמע־און־זוהן האָבן זיך געלאָזט קריכן אַרויף, צו דער פלאַך. שידה האָט אַמאָל געהערט פון איר זיידע׳ן, אָפּגעשיידט זאָל ער זיין, אַז אויב מ׳קאָן נישט אַרונטער, מוז מען אַריבער. ס׳זענען אויבן אויך פאַראַן היילן, זומפּן, קברים, פינסטערע ווינקלען, וויסטע וועלדער, ליידיקע מדבריות. נישט די גאַנצע פלאַך האָט דער מענטש באַדעקט מיט זיין שאַלקהאַפטיקייט. ס׳לעבן דאָרט אויך שדים, שרעטלעך, רוחות, קליפּות. אַוודאי שמאַכטן זיי אין גלות, די פּליטים. אָבער בעסער גלות איידער קנעכטשאַפט. ווייל דער לעצטער נצחון געהערט דער פינסטערניש. ביז דאַמאָלס מוזן פאַרוואָגלטע חיצונים ליידן געדולדיק. אַ צייט וועט קומען, האָט שידה געוואוסט, ווען דאָס ליכט פון דער וועלט

דר. ש. מאַרגאָשעס

# פאַנאַטיזם

איך אַליין בין קעגן פאַנאַטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען. איך האָב ליב צו באַטראַכטן אַ פראַגע פון מער ווי איין שטאַנדפונקט; ס׳איז מיין טבע אויסצוהערן אַלע צדדים. ווען איך זע אַ פאַנאַטיקער און הער אים רעדן, וואונדער איך זיך אָפט, ווי קומט צו אַ מענטשן אַזויפיל באַגרענעצטקייט, אַזאַ שמאָלקייט פון קוק. די וועלט איז דאָך אַזוי גרויס, טאָ פאַרוואָס זאָלן מענטשן זיין אַזוי קליין?

אָבער פונדעסטוועגן מוז איך צוגעבן, אַז פאַנאַטיזם האָט אַ פּלאַץ אין דער סכעמע פון זאַכן. וואָרים פאַנאַטיזם מיינט אויך שטאַרקייט פון איבערצייגונג, מיינט אויך גרייטקייט אויף קרבנות, מיינט אויך די פעאיקייט צום קאַמף און צום זיג. און זע איך אַ פאַנאַטיקער, פיל איך אָפט ווי אַראָפּצונעמען דאָס היטל פאַר אים. אָט דער מענטש, טראַכט איך זיך, מיט זיין גאַנצער שמאָל־קעפּיקייט, קאָן דאָך אויפטאָן וואונדער, קאָן איפּרודערן אַ וועלט. קאָן אַ קירעווע טאָן מיט דער געשיכטע. ער ווייסט אַז אַ מינדערהייט האָט בלויז איין וואָפן — פאַנאַטיזם.

אונז אידישיסטן — און דאָ מיין איך דער עיקר, די אידישיסטן אין אַמעריקע — פעלט דער דאָזיקער פאַנאַטיזם. עס פעלט דאָס הייליקע פייער וואָס ברענט און צינדט אָן אַלץ אין זיין וועג. „פריידענקער״ זענען מיר. יאָ־דאָ אַ אידישיסטישער גאָט, נישט־דאָ קיין אידישיסטישער גאָט — מיר ווייסן ניט. אָפט דאַכט זיך אויס אַז אונז אַרט ניט דער גאַנצער ענין. אונזער אידישיזם שלאָפט איין פון איין באַנקעט צום צווייטן. אין די וואָכן־טעג, וואָס צווישן, לעבן מיר מיט אַלע געדאַנקען פון דער גאַנצער וועלט, נאָר ניט מיטן אידישיזם. אונזער לעבן איז ניט דורכגעדרונגען מיט דער אידישיסטישער אידייע. אידיש איז ניט דער ברענפּונקט פון אונזער גאַנצן וועזן. אונזערע אידישיסטישע וואַקאַציעס ציען זיך עלף חדשים אין יאָר.

אַ וואונדער, אַז אונזער אַרבעט האָט אַ קנאַפּע ממשות? מיר פאַרלאָזן זיך אויף ניסים, אויף אַנדערע וואָס וועלן שוין טאָן וואָס מ׳דאַרף טאָן. מיר לאָזן אַלץ אויף גאָט׳ס באַראָט. די גאָטבאַטרונקענע מחנה, די אַרמיי פון פאַנאַטיקער פעלט.

גיט מיר אידישיסטישע פאַנאַטיקער. איך וועל זיי באַקעמפן — ווייל אַזוי בין איך שוין. איך האָב פיינט פאַנאַטיזם. אָבער אויפטאָן וועלן זיי וואונדער. און וואָס איך זאָל ניט זאָגן און וואָס איך זאָל ניט טראַכטן, און וואָס איך זאָל ניט שרייבן וועגן זיי — דאָס היטל פאַר זיי וועל איך מוזן אַראָפּנעמען.

---

וועט אויסגיין, אַלע שטערן וועלן ווערן פאַרלאָשן, אַלע קולות — פאַרשוויגן, אַלע פלאַכן — פאַרשניטן. גאָט און שטן וועלן זיין איינס. דאָס געדעכעניש פון מענטש און זיין אומווערדיקייט וועט בלייבן אַ פאַרבלענדעניש און אַ בייזער חלום וואָס גאָט האָט אויסגעבייטלט די שרפים אויף צעפּיקעניש, — צו פאַרשפּילן זיך אַליין און זיין אייביקע נאַכט...



שמחה לעוו

# מענדעלעס רמזים

מענדעלע האָט געהאַט דעם כח צו שאַפן אַרום זיינע העלדן אַ געדיכטע אידישע אַטמאָספער, אַן אַטמאָספער וואָס איז אַ סך מער אָנגעזאַפּט מיט אידישן שטייגער, מיט אַן אויסגעטרוימטער וועלט, מיט באַשטרעבונגען פון דערלייזונג און מיט בענקעניש צו ביאת המשיח, ווי די העלדן אַליין ברענגען אַרויס. עס זיינען פאַראַן ביי אים רמזים און אָנדייטונגען (דער „ניט דאָס בין איך אויסן״), וואָס האָבן באַווירקט שרייבער נאָך אים. קיינער פאַר אים און קיינער נאָך אים האָט ניט געוואוסט דעם סוד פון שאַפן אידישע אַטמאָספער ווי ער האָט עס געטאָן. די „כנופיא״ רעדט ביי אים. עס איז אהבת ישראל צום כלל ישראל, כאָטש דער איינציקער איד קען זיך האָבן חסרונות. לייענענדיק מענדעלען, האָט מען אַ געפיל ווי עס שוועבן אַרום אידישע געשטאַלטן און זיי פילן אָן דאָס הויז, ווי מלאכים וואָס פלעגן באַגלייטן דעם אידן פון קבלת שבת אין בית־מדרש ביז צום קידוש אין שטוב. אַלע מאָטיוון וואָס האָבן זיך צעבליט אין דער אידישער ליטעראַטור נאָך מענדעלען זיינען געווען, ווי זאָל מען דאָס אָנרופן, „אין די וויקעלעך״ ביי מענדעלען. דאָס איז דער זכות פון זיין אַ ראשון, און מענדעלע איז געווען אַ ראשון.

אין דער „טאַקסע״ רעדט אַ שניידערל אַזוי:

„לב יודע מרת גיטל, ר׳ איטשע וואָלף נישקשה קען מיך״, און אַ שוסטערל רעדט: „טאַקע פשוט בנפשו יביא לחמו, מיר עסן ווערים״. „מה אני ומה חיי, איך בין אַ גרויסער עני״. אין „פּריזיוו״ רעדט אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט אַ געמיש פון פאַרגרייזטן רוסיש מיט האַלבע פּסוקים פון הלל און קדושה, און עס קלינגט אַזוי: „וויסניטרע, וויסנאַפּרע לחי עולמים... בצלצלי תרועה, מיט אַ קאַטערינקע... עך, סאָלדאַטיקי בראַטיקי בשמחה רבה ואמרו כולם!״ „ומלאכים יחפזון און געצימבלט, דם ואש ותמרות עשן — אַזש אַ רויך איז געגאַנגען״.

ניט צו ריידן וועגן אַזאַ טייטש, ווי „בקבצנו יחד — מיר זיינען אַלע קבצנים״, איז ביז גאָר אינטערעסאַנט אַזאַ מין דיאַלאָג אין זיין דראַמע „דער פּריזיוו״, וואָס כאָטש דער העברעאישער פּסוק איז דאָרט ניט פאַראַן, איז דער „אשר יצר״ דורך און דורך הינטער די ווערטער:

פייוועש: אָך, אַ שווערע פרנסה דאָס שדכנות, מיט הונדערט ספּריזשינקעלעך, שרייפלעך, קליינע און גרויסע רעדלעך, עפּעס אַ גאַנצער „אשר יצר״ — דראָט־אַרבעט, דריידלעך־דריידלעך, פייפעלעך־פייפעלעך.

ליפּע: גלויבט מיר, אַלע אידישע פרנסות זיינען איין „אשר יצר״. לויטער דריידלעך, פייפלעך, און מפליא לעשות איז דער וואָס קען גוט אָנפייפן.

פייוועש: דרינען האַלט איך טאַקע מיט אייך, ר׳ ליפּע. לאָז מען פאַלמעסן אַ אידן וועט מען ביי אים אין אַלע רמ״ח אברים זיינע געפינען רעדעלעך, דריידלעך. אָדער זאָל מעגלעך זיין, אַ שטייגער, אַ סוחר, אַ פּאָדריאַדטשיק אין קאָפּ אַריינצוקוקן, וואָלט אַזש אָנגעכאַפּט אַ שווינדל, זעענדיק ווי עס דרייט זיך דאָרט פאַר דיר עפּעס בוידעם, פּאָליצע, קאָטשערע, לאָפּעטע, לאָקשן־ברעטל, אינדיק־זוימען, קאַטשקע־פּוטער, מכה־שער, אַלע אין איינעם. אַפילו די נעגל שניידט אַ איד מיט אַ דריידל עפּעס לסירוגין, געשפּרונגען און געדרייט.

אין דעם קליינעם אויסצוג קען מען געפינען אַ סך מער ווי דאָס וואָס אונז אינטערעסירט איצט. מיר געפינען אין אים סיי דעם מענדעלע־סאַרקאַזם

און סיי די שאַרפע אָפּלאַכעריי פון אידישע פרנסות, פון אידישער באַדנלאָזיקייט, אַ רמז אויף מנחם מענדל, וואָס שלום עליכם וועט אים שפּעטער דערפירן צו אַ סימבאָל. אָבער איצט האַלטן מיר דערווייל ביים ריין שפּראַכלעכן מענדעלע־מעטאָד, וואָס האָט באַאיינפלוסט דעם שלום עליכם סטיל. סיי די באַרעדעוודיקייט שלום עליכמס און סיי דער קרומער טייטש פון גלייכן פסוק איז שוין פאַראַן אין אָנוואוּנק ביים זיידן ר׳ מענדעלע.

און ניט נאָר ביי שלום עליכמען, נאָר אַפילו אַזוי ווייט ווי ביי יצחק באַשעוויס קען מען געפינען אַן אָפּקלאַנג פון אָט דעם שפּראַכלעכן מענדעלע־שטייגער.

אמת, מענדעלע האָט גענוצט אָט דעם מין פאַרטייטשן קרום אַ פסוק נאָר אין דיאַלאָג. אַ דיאַלאָג איז דאָך צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי וואָס ריידן, וואָס יעדער איינער פון זיי ברענגט אַרויס זיין מאָנאָלאָג, רעדט פאַר זיך אַליין אָן דער אַריינמישונג אָדער פאַרמיטלונג פון דעם מחבר. דער אויסגעטרוימטער פאַרשוין ווערט אַ חי נושא את עצמו, ער האַנדלט און רעדט אויף אייגענעם באַראָט. דערפאַר געפינט מען ווייניק אָט דעם סאָרט ריידנס־אַרט אין מענדעלעס דערציילונגען און מען טרעפט אים דער עיקר אין זיינע פיעסן, ווי „די טאַקסע", „דער פריזיוו". שלום עליכם האָט דעם מאָנאָלאָג גענוצט פאַרן גרונט־עלעמענט פון זיין קינסטלערישן אַרט און האָט זיך ממילא געקענט „צעפירן די הענט" אין דעם אופן פון ריידן און אין דעם אופן פון אַרויסברענגען דעם כאַראַקטער פון זיין העלד. טביה איז דורכאויס מאָנאָלאָג. מנחם מענדל איז געשריבן אין דער פאָרמע פון בריוו. אַ בריוו איז אַ מאָנאָלאָג — נישט קיין גערעדטער מאָנאָלאָג, נאָר אַ געשריבענער מאָנאָלאָג. דער דערציילער שטייט אָן אַ זייט. ער לאָזט דעם פאַרשוין אויסריידן זיך, אָדער אויסשרייבן זיך. דאָס איז געווען דעם זיידנס ירושה, וואָס דער אייניקל האָט אַרויסגעצויבערט פון איר אַלע באַהאַלטענע כישופן און מעגלעכקייטן. אויף מענדעלעס קאַנווע האָט שלום עליכם אויסגעשפּרייט זיינע אייגענע שפּראַכלעכע עשירותן און אויפטואונגען.

אין „דאָס קליינע מענטשעלע", וואָס איז כלומרשט אַ וידוי פון יצחק אברהם תקיף און ממילא איין גרויסער מאָנאָלאָג, געפינען מיר אַזאַ מין פאָרמע: „מה אני ומה חייני — גיי פרעג דעם רבונו של עולם קשיות". דאָס רעדט אַ אידענע און זי מעג מאַכן פון מה אנו ומה חיינו — מה אני ומה חייני, כאָטש אַזאַ פאַרענדיקונג איז אין העברעאיש ניטאָ. אָדער לייזער דער שניידער זאָגט: „אַלע־לולע (הללוהו) כל צבאיו — הינט זאָלן מיט דיר האַנדלען!" אין געגעבענעם פאַל מעג מען זיין מסופק צי דער פסוק מיטן טייטש קלעפּן זיך, אָבער פון שטאַנדפונקט פון באַמיען זיך געבן וויאַזוי דער פסוק האָט דורכגעדרונגען דעם אידן, סיי דעם למדן און סיי דעם עם הארץ, און אַפילו זיך אויסגעוועלגערט אין מויל פון דער אידישער פרוי — פון דעם שטאַנדפונקט איז דאָס לנוי אויסטערליש, ווי פרץ וואָלט געזאָגט. עס איז אויפגעכאַפּט דער ניגון פון דער אידישער שפּראַך אין זיין לאָגישן און אומלאָגישן צוזאַמענשפּיל.

אַוודאי איז אַזאַ טייטש „מי ירום ומי ישפל — ווער עס פאָרט און ווער עס גייט צופוס, דער עיקר איז בטחון" (טביה), אַ היפּשער שפּאַן אַוועק. עס דערהויבט גלייך דעם אידנס רעדנס־אַרט צו אַ פילאָזאָפישער וועלט־איינשטעלונג פון בטחון, דעם סאַמע אָפּטימיסטישן כאַראַקטער־שטריך פון אַ פאָלק וואָס איז ניט זיכער מיטן מאָרגן און גיט זיך ניט אונטער. אָדער אַזאַ מין



ווערטל: „הכל הבל — געלט איז קיילעכדיק; היינט אַזוי, מאָרגן אַזוי, אַבי מען לעבט". עס איז מיילן־ווייט פון מענדעלעס „בנפשו יביא לחמו — מיר עסן ווערים". ביים זיידן קומט דער פסוק מיטן טייטשט אויסצודריקן פּראָטעסט, באַקלאָגן זיך אויפן גורל, שילדערן די לאַגע ווי זי איז. ביים אייניקל קומט דער פסוק מיטן טייטש קלאָר צו מאַכן אַ אידישע פסיכאָלאָגישע נויגונג, אַרויסצוברענגען דעם אידישן שטעל און אויפנעם, ווי אויך באַציאונג צו וועלט און לעבן. דאָס איז שלום עליכמס דינע סטרונע, וואָס שפּילט אויס דעם אידישן ניגון, אָבער דאָס ענדערט ניט דעם פאַקט, אַז מענדעלע איז געווען דער ערשטער, דער וועג־ווייזער צו שילדערן דעם אידן דורכן פסוק און זיין טייטש.

געאָגראַפישע נעמען זיינען אַ האַרבע שאלה אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור. געבן אָרטיקן קאָליר צו אַן אויסגעטראַכטער מעשה, וואָס איז בעצם אי מער, אי ווייניקער ווי ווירקלעכקייט, איז אַ האַרבע פראָבלעם. קונסט איז מער ווי ווירקלעכקייט, ווייל עס איז קאָנצענטרירטע ווירקלעכקייט, אַזאַ וואָס קען זיין און איז אָבער קיינמאָל ניט געווען. דאָס איז „משל היה". קונסט איז אויך ווייניקער ווי ווירקלעכקייט טאַקע צוליב דעם „לא היה ולא נברא". געאָגראַפיע איז אָבער זייער אַ קאָנקרעטע זאַך. אַ שטאָט איז אַ שטאָט און ניט קיין פאַראַלגעמיינערונג פון אורבאַניזם. ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט געאָגראַפיע אין קונסט? ווי שטעלט מען אַוועק אַ געשעעניש וואָס איז כולו פאַנטאַזיע אין אַן ערדישער פּאָזיציע וואָס איז כולו קאָנקרעט? מיט אָט דעם פראָבלעם האָבן זיך שוין געמאַטערט די גאָר ערשטע דערציילער. „איש היה בארץ עוץ, איוב שמו" — אַזוי הויבט זיך אָן דער ספר איוב. עס איז ניט קיין שטאָט, עס איז ניט קיין לאַנד, נאָר עס איז „ארץ עוץ" — אַ לאַנד אָן אַ מאַפּע. מגילת רות איז שוין קאָנקרעטער אין דער הינזיכט. „וילך איש מבית לחם יהודה לגור בשדי מואב". אויב די געאָגראַפישע לאַגע וואו די געשעענישן שפּילן זיך אָפּ איז אומבאַשטימט (שדי מואב), איז דערפאַר דער אָפּשטאַם פון די העלדן באַשטימט — איש מבית לחם יהודה. דער אויסגאַנג און דער צוריקקער פון די געשעענישן זיינען באַשטימט, אין בית לחם וואָס געפינט זיך אין יהודה. דאָס אַלץ ווערט געטאָן, כדי צו מאַכן דעם סיפור המעשה גלויבלעכער, נענטער, פאַרהוילן די פאַנטאַסטישקייט, מאַכן ווירקלעכער די אויסגעטראַכטקייט, פאַרוואַנדלען דעם חלום אין וואָר.

מענדעלע האָט אויסגעלייגט איבער דער אידישער וועלט אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקע מאַפּע, — אַ מאַפּע פון שטעט און שטעטלעך, טייכן און וועלדער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין בידל, מיט זיין „גיבור" דעם פערד און הידאַ איבער דער אידישער געאָגראַפיע. מיר באַקענען זיך מיט טונעיאַדאָווקע, טעטעריוווקע, גלופּסק וואָס אויף דער פּיאַטיגנילעווקע, קאַבצאַנסק, בעזלידאָווו, צוויאַטשיטש און אַנדערע. אַן אמתער רעגנבויגן פון אידישע שטעטלעך און שטעט, קליינע און גרויסע מיט אידישע פאַרשוינען „מפליא לעשות", ווי מענדעלע זאָגט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ אידישע געאָגראַפיע, וואָס איבער איר טורעמען קאַבצאַנסק און גלופּסק. צו דער מאַפּע האָט שלום עליכם צוגעגעבן יעהופּעץ און בויבעריק און איבער זיי טורעמט כתרילעווקע — אַ פאַראידישטער נאָמען פון העברעאישן קאַבצאַנסק און פון סלאַווישן גלופּסק. און ווי אויף אונטערצושטרייכן דעם געמיינזאַמען אָפּשטאַם פון גלופּסק און כתרילעווקע האָט שלום עליכם זיין כתרילעווקע צוגעגעבן אַ סימן — זי ליגט ביים טייך גנילאָפּיאַטקע. גלופּסק ליגט ביי פּיאַטיגנילעווקע און

כתרילעווקע ליגט ביי גנילאָפּיאַטקע. דערמיט האָט שלום עליכם געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז ער גייט אויף מענדעלעס דורכגעטראָטענעם וועג און ער שעפּט פון מענדעלעס אוצרות. ער האָט עס געקענט און געמעגט טאָן, ווייל מענדעלען האָט מען באַטראַכט ווי אַ פֿאָלקס־פאַרמעגן. ער האָט געשאַפן דעם „איש היה בארץ עוץ" פון אידישער צעשפּרייטקייט, און ממילא אַ כלל־זאַך, אַ רשות הרבים. עס איז נאַציאָנאַלער פאַרמעגן. אַזוי איז אויך מיטן נאָמען בויבעריק. ביי מענדעלען פאַרקריכט ישראליק פון דער „קליאַטשע" קיין בויבעריק. ביי שלום עליכמען שטעלט צו טביה מילכיקס קיין בויבעריק. ביי מענדעלען איז דאָס אַ שם נרדף פון אַלץ וואָס גייט אַראָפּ פון גלייכן וועג. ביי שלום עליכמען איז דאָס אַ פּלאַץ, וואָס אַהין פאָרן אַרויס די יעהופּעצער גבירים אויף זומער. סיווּוי איז עס „ארץ עוץ" — אַ געאָגראַפישער פּונקט וואָס איז אַ סימבאָל, מען קען אים נעמען אויף די פּלייצעס און איבערטראָגן. „ווען איך זאָל ניט וויסן, אַז מיר זיינען אין אַמעריקע, וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז מיר זיינען אין בראָד, אָדער אין לעמבערג. די אייגענע אידן, די אייגענע גוואַלדן, דאָס אייגענע מיסט וואָס דאָרטן. ניט מער, דער טומל מיטן האַרמידער איז דאָ אַ סך גרעסער און דער רעש איז שטאַרקער, הילכיקער" — אַזוי דערציילט מאָטל פּייסי דעם חזנס זיינע ערשטע איינדרוקן וועגן אַמעריקע. עס איז גלופּסק, ס'איז כתרילעווקע אין אַנדערע באַדינגונגען, אין אַביסעלע מער רעש, אָבער די אידן זיינען די אייגענע. דאָס איז אידישע געאָגראַפיע וואָס מען טראָגט איבער פון אָרט צו אָרט און עס בלייבט דאָס אייגענע.

מען דאַרף ניט אַריבערגיין אומבאַמערקט דאָס וואָרט „אייגענע". עס מיינט אויבן־אויף די זעלביקע, עס מיינט אָבער אויך אייגענע אין זין פון קרובים, און עס מיינט אויך היימישקייט, אַלטע באַקאַנטע, — „די אייגענע אידן". און אויב איר ווילט, איז עס אַ רמז: די אייגענע אידן וואָס ביי מענדעלען...

און ווייל מענדעלע איז נאָך ביי זיין לעבן געווען נאַציאָנאַלער פאַרמעגן האָט זיך דער „אייניקל", שלום עליכם, געפילט אין מענדעלעס „שטוב" ווי אַ בן־בית. ער האָט געשעפּט ביי מענדעלען מיט פולע זשמעניעס ביים שאַפן דערציילערישע סיטואַציעס. אַ בולטער ביישפּיל איז דאָס צונויפפירן צוויי חתנים אָדער צוויי כלות ביים אויספירן אַ שידוך דורך אַ שדכן סיי ביי מענדעלען און סיי ביי שלום עליכמען. „ביידע מחותנים האָבן — וואָס מיינט איר האָבן זיי? ביידע האָבן — בחורים!..." — אַזוי פירט אויס אַ שידוך אַלטער יקנה"ז ביי מענדעלען. און ביי שלום עליכמען? ביי שלום עליכמען פירט מען צונויף צוויי בתולות. „דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן אָנקוקן די דאָזיקע שדכנים וואָס האָבן באַוויזן אַ בריהשאַפט צונויפצופאָרן צוויי מיידלעך" — אַזוי איז דאָס ביי שלום עליכמען. מען קען ניט זאָגן, אַז די סיטואַציע ענדערט זיך צי מען פירט צונויף צוויי בחורים, אָדער צוויי בתולות. פון שלייערן אַהין אָדער אַהער ענדערן זיך ניט, ניט די קרומקייט און ניט דער הו־האַ פון דער „טראַנזאַקציע", וואָס עס לאָזט זיך אויס דערפון אַן עורבא פרח. קיינער האָט קיין טענה ניט געהאַט צו שלום עליכמען וואָס ער האָט גענומען אַ סיטואַציע ביי מענדעלען און האָט זי פאַראייגנט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס דאַרף אַזוי זיין. עס איז מעגלעך, אַז דער „זיידע" האָט גאָר פיין הנאה געהאַט פון דעם „אייניקל". ער האָט זיך מסתמא גע־טראַכט: זע נאָר דעם קונדעס ווי ער האָט זיך דאָס צעיאָגט איבער די באַנען



און זיך צעקלאַפּט מיט די דעפּעשן אויף צונויפפאָרן צוויי בתולות. ביי מיר האָט אַזאַ קונץ באַוויזן איין אַלטער יקנה"ז אויף אַ יאַריד. אָבער אָן סכנות, ניט דאָס בין איך אויסן... און אויב אַפילו מיר מאַכן אַ טעות, און מענדעלע האָט אַזוי ניט געטראַכט, מעגן מיר אויך צו דעם אויספיר קומען, ווייל וואו מען טוט זיך אַ ריר געפינט מען מענדעלעס השפעות אויף שלום עליכמען. ווען מען פאַרגלייכט, למשל, מענדעלעס פערד, דעם „לייב" פון „ספר הבהמות" און שלום עליכמס פערד, מתושלח, זעט מען אַז זיי גייען דורך די זעלביקע גילגולים. ביי שלום עליכמען דערגייען מתושלחן די יאָרן אידישע חדר־אינגלעך וואָס רייסן ביי אים „סטרונעס", ביי מענדעלען דערלאַנגט דער קהלשער באָק שטורכעס דעם „לייב". אַז איך וואָלט געוואַגט, וואָלט איך געזאָגט אַז ביי מענדעלען איז דאָס שפּאַסיקער. אגב, אין „דאָס קליינע מענטשעלע" לאָזן די חדר־אינגלעך איבער אַ פּערציק האָר אינם עק פון מענדעלעס פערד, דעם „גיבור". ביי שלום עליכמען דערהרגעט מען מתושלחן, ביי מענדעלען פאַרענדיקט זיך עס מיט „אַבי די טאָרבע סעטשקע... [און דער „לייב"] איז גאַנץ צופרידן". מענדעלעס פערד קען אויסשטיין, ער איז אַ מסתפק במועט, אַבי לעבן, אַבי דערהאַלטן די נשמה. דאָס איז מענדעלעס אָפּטימיזם וואָס וואַרעמט, אויב אַפילו די ריחות און די רוחות זיינען ניט אַזוי אַי־אַי!

די תלמוד־תורה און דער חדר קריגן דעם זעלביקן אָפּשניט סיי ביי מענדעלען און סיי ביי שלום עליכמען. דער חלום און דער קאָשמאַר זיינען פאַראַן סיי ביי מענדעלען און סיי ביי שלום עליכמען. (ישראליק אין דער „קליאַטשע" און „דאָס מעסערל" — אין ביידע איז פאַראַן קאָשמאַר).

מענדעלעס השפעה אויף אַ דירעקטן אָדער אומדירעקטן אופן קען מען געפינען ביי פאַרשיידענע אידישע שרייבער, ווייל מענדעלע האָט צווישן די שורות איבערגעלאָזט אַ סך רמזים. די שפּעטערדיקע האָבן געקענט פון אים שעפּן און שעפּן. דאָס איז געווען מענדעלעס אויפטו ווי אַ ראשון.

*

א. לעיעלעס

## קינדס טרויער

„זיידע, כ'בין זייער־זייער טרויעריק.
מיין קאַנאַריק איז געשטאָרבן,
מיין געלער פויגל,
מיין העלער קאַנאַריק, דו האָסט אים גוט געקענט,
איז טויט".

פון יענער זייט טעלעפאָן האָט געציטערט
אַ זיפץ פון אַ קינדישער קעל,
אַ קינדס קולכל האָט ביטער געקלאָגט.

ווען איך וואָלט געווען דער האַר פון די וועלטן,
וואָלט איך פון חרפה פאַרשטאָפּט מיינע אויערן
ביי יעדן ראַפּאָרט
פון מיין בוכהאַלטערישן, שוואַרצן משרת,

הלמאַי ער איז נישט מורד אין דעם געבאָט
פון מיין אייליקער מחשבה,
פון אָט דעם ערשט־מאָרגנדיקן מום,
וואָס איז קעלטער און האַרטער פון מירמלשטיין.

איך וואָלט זיך פאַרשעמט מיט שאַרלעך־פאַרשעמונג,
ווען ווייסע זקנים נידערן אַראָפּ אין די קברים;
ווען מאַמעס בלייבן ליגן מיט האַלב־צעעפנטע מיילער
נאָך זייער לעצטן אָטעם;
ווען בחורים פאַלן מיט פאַרגלייזטע אויגן
צו דער ערד,
מיינענדיק אַז זיי רייטן צו דער פאַרכטיקער פראַכט
פון דער זון.

נאָר ביים טרויער פון אַ קינד,
פּנים אל פּנים מיט מיין אוממורדישן משרת,
וואָלט מיין פאַרשעמטקייט געוואָרן די שאַרף
פון אַ מעסער.
איך וואָלט זיך אויסגעשניטן דאָס האַרץ
און דערטרונקען אין הייסע ריטשקעס
דאָס צו־קילע קול פון מיין קלעמעניש,
דעם מפּיל פון מיין מומיקער, מירמלנער מחשבה.

נאָר איך בין דאָך בלויז אַן ערדישער וואָרעם,
דער אומבאַהאָלפענער זיידע
פון אַ גוטהאַרציק, בלוי־אויגיק אייניקל.
קאָן איך בלויז בעטן מחילה ביי אים.
איך האָב אים דאָס נישט געזאָגט.
ער וואָלט נאָך נישט פאַרשטאַנען.
ער וועט נישט פאַרשטיין
ביז ער אַליין
וועט ווערן אַ זיידע
פון באַרמהאַרציקע, בלוי־אויגיקע אייניקלעך.

## איובס ווייב

איוב איז אין אימהדיקע שטריק געבונדן,
און זיין ווייב — זי האָט צומאָל אויף וויינען נישט קיין צייט.
איוב זוכט נישט מער קיין שערבלעך פאַר די וואונדן,
ווייל צו־וויט, ווי אַלץ אַחוץ דעם אומגליק זייט ביי זייט.

איובס שם אויף אַלע ליפּן — לויטער גינגאָלד,
נאָר דער שענסטער שם איז שוואַך צו זיין אַ היילונג־שפּרוך.
איובס ווייב, מיט אַנגסטן רונד אַרומגערינגלט,
בלאָנדזשעט בלייך — אַ שיימע, אָפּגעריסן פון אַ בוך.



פאַר דעם קאַלטן לויערער אויף יעדן יחיד
איז אַלץ איינס אַ נאָמען, ווען ער קלייבט זיך אויס אַ טיר,
און ער בלאָזט אַריין דאָרט חושך און צעפּאָכעט,
און צעאַשט דאָרט הערצער, ווי אַ טרוקן שטיק פּאַפּיר.

און נישטאָ קיין דנאָ, קיין שיעור צו יסורים.
איוב איז אין שטומען קלעם. ער פרעגט שוין נישט: פאַרוואָס?
איובס ווייב באַפאַלן שלאַקסן נאָך אַ שטורעם,
איטלעכער מעת־לעת גיסט אָן אַ נייעם ביטער־כוס.

איובס וועלט צעקלאַפּט אויף שטיקער צען מאָל טויזנט...
איובס ווייב — יעטוועדעס שטיק דאָס לעבן איר פאַרשטעלט.
טרייסט איז לעסטערונג, און זין אַ וויסטער חוזק:
אַ צעפּייניקט־מאָנאָטאָנע כראָניק איז איר וועלט.

*

דבורה באַראָן

## דער ערשטער טאָג

(דערציילונג)

מיין מאַמע, די רביצין פון אַן אָרעם שטעטל, האָט מיך געבוירן פּונקט אין דער זעלבער צייט ווען ביי דער גבירטע פון פּאָלוואַרק איז געבאָרן געוואָרן איר עלטסטער זון, איר בן־יחיד.

מיט אַ טאָג פריער, פאַרנאַכט־צו, האָט זיך לעבן אונזער הויז פאַרהאַלטן די קאַרעטע פון פּאָלוואַרק וואָס איז געקומען נעמען מיין פאָטער אויף צו זיין סנדק ביים ברית.

די גלעקלעך אויפן פערדס האַלדז, וואָס זייער קלאַנג איז געווען זייער אָנגענעם אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט, האָבן געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף מיין באָבע, דער רביצין פון טוכאַנאָווקע, וואָס איז איצט געווען ביי אונז צו־גאַסט.

זי האָט כמעט מיט ווידערווילן אַ קוק געטאָן אויפן פורמאַן, דעם באַשנייטן גוי מיט דער לאַנגער בייטש אונטער זיין פּאַכווע, וואָס האָט געמאָלדן אַז ער האָט ניט געבראַכט קיין דעקע אויף צודעקן די פיס, ווייל די באַלעבאָסטע די גבירטע „האָבן פאַרגעסן" מיטצוגעבן.

— אַ דעקע וועט זיך נאָך ביי אונז אויך געפינען, מיר זיינען נאָך ניט אַזעלכע אָרעמעלייט — האָט זי געבעטן איבערגעבן זיין באַלעבאָסטע, דער יונגער גבירטע, וואָס איז געווען, אגב, אירע אַ קרובה, נישט קיין גרויסע מציאה, אָבער פאָרט פון די טוכאַנאָווקער, וואָס קען זי העלפן.

די געשיכטע איז געווען פאַרפּלאָנטערט מער ווי מען קען זיך פאָרשטעלן, ווייל יענע, די גבירטע, האָט מיט יאָרן צוריק ניט געוואָלט זיך משדך זיין מיטן בחור, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער רב פון זשוזשיקאָווקע — טאַקע מיט מיין פאָטער.

דער שדכן וואָס איז געגאַנגען צוויי מאָל הין און צוריק צופוס פון טוכאַנאָווקע קיין זשוזשיקאָווקע, און צוויי מאָל אויסגעמיטן דעם טייך זשוזשיק,

איז סוף כל סוף צוריקגעקומען מיט אַן ענדגילטיקן ניין און האָט געבראַכט סך־הכל איין זילבערנעם רובל שכר־טירחה און אַ וואָלענע קאַפּאָטע, כמעט אַ נייע, אַ קאַפּאָטע וואָס איז יאָרן לאַנג געווען פאַרהאַסט ביי דער גאַנצער משפּחה.

דאָס אַלץ האָט מיר מיט יאָרן שפּעטער דערציילט מיין שוועסטער, וואָס האָט מיר פאַרטרויט נאָך אַ סך סודות פון אַמאָל, און פאַר מיר איז דאָס געווען גאַנץ טשעקאַווע.

אין דעם פאַרנאַכט וואָס דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן אין פאָלוואַרק, און אין אַ ווינקל פון פּריפּיטשאָק האָט מען אָנגעצונדן אַ קליין בלעכענעם לעמפּל, וואָס האָט געצווייפלט אין זיין אייגענער ליכטיקייט, איז אין שטוב געוואָרן אַ שטילקייט וואָס האָט זיך דעם גאַנצן אָוונט ניט איבערגעריסן.

וואָכעדיק, מיטן ווייבערשן בענטשן, האָט מען אָפּגעגעסן די וועטשערע אויף אַ טישטאַך צונויפגעלייגט אין צווייעןביים ברעג טיש, און די טוכאַנאָווקער רביצין האָט אַראָפּגענומען פון קאָפּ איר מיוחסדיקן טשיפּיק, און נאָכדעם ווי זי האָט קוים אויסגעזוכט אַן אָרט וואו אים אַוועקצולייגן אויפן אָרעמען מעבל — האָט זי מיט איין צאָרנדיקן בלאָז מיט אימפּעט פאַרלאָשן דאָס לעמפּל, און לויטן סקריפּען פון איר בעט, וואָס האָט געציטערט אונטער איר, האָט מען זיך געקענט אָנשטויסן אַז זי זעט פאַר די אויגן די דירה פון אירע קרובים פון פאָלוואַרק, וואָס געפינט זיך אויסער דער שטאָט; די פּלושענע שטולן וואָס שטייען גביריש אויף אַ טעפּיך; דעם זילבערנעם הענג־לאָמפּ וואָס גלאַנצט מיט אַ סך קאָלירן פון די גלעזערנע הענגלעך; די קופּערנע טעפּ וואָס בלאַנקען אין קיך אויף דער וואַנט אַנטקעגן ברענענדיקן אויוון און די וואַרעמע טייגלעך, וואָס די גבירטע וועט וועלגערן מיט אַ קאַטשלקע, וועט זיי אויסציען און שאָקלען מיטן גרויסן שנור פּערל אויפן האַלדז.

בקיצור, צי זיינען דאָ ווייניק בילדער וואָס קענען פאַרבייגיין פאַר די אויגן פון אַן אַלטער רביצין, וואָס ליגט אין שטוב פון איר ניט שטאַרק באַליבטער, כמעט אָרעמער שנור, און לייענט קריאת־שמע פאַרן שלאָף?

אין אַ דריי שעה אַרום, ווען דאָס בלעכענע לעמפּל איז ווידער אָנגעצונדן געוואָרן און מען האָט עס שוין מער ניט פאַרלאָשן, און דער טומל וואָס איז געוואָרן צוליב מיין געבוירן ווערן — האָט זיך איינגעשטילט, איז אין שטוב געוואָרן אַזאַ מאָדנע שטילקייט, וואָס אַזוינס האָב איך ניט געהערט קיין מאָל אין דער וועלט.

אוי, די ערשטע נאַכט אין שטוב פון טאַטע־מאַמע, אין סאַמע מיטן ווינטער, ווען דער אויוון איז אָנגעהייצט געוואָרן מיט אַ קאַרגער האַנט, און די שיין פון לעמפּל איז ניט זיכער אין אירע אייגענע כחות.

אַזייגער זעקס־זיבן ווען פון ערגעץ וואו האָבן זיך אַריינגעזיפּט שוואַכע און בלייכע ליכט־פּאַסן, האָב איך געקענט זען כמעט גענוי די הינטערשטע וואַנט פון דעם אויוון, וואָס איז געשטאַנען נאַקעט, אפילו נישט אָפּגעקאַלכט, פּונקט אַנטקעגן מיין וויגל, און האָט געקוקט אָן האָפענונג אין חלל אַריין, אויסגעקרימט — און עס פאַלט ניט איין.

וואונדערלעך האָט צוגעצויגן מיין בליק דער קרומער און פאַרזשאַווערטער טשוואָק וואָס האָט געסטירטשעט פּונקט אַנקעגן מיר אינמיטן דער סטעלע, אַן איינזאַמער און נישט נויטיקער (כאָטש עמעצער האָט דאָך אים אַריינגעקלאַפּט דאָרט) און אַ סך יאָרן איז ער פאַר מיר געווען דער סימבאָל פון אומגליק און איבעריקייט אין לעבן.



אָבער וואונדערלעכער פון אַלץ האָט מיר אויסגעזען דאָס צאָרנדיקע סקריפּען פון די וואָליקעס, וואָס איך האָב געהערט פון הינטערן הילצערנעם ווענטל, און וואָס זייערע טריט זיינען געוואָרן אַלץ בייזער מיטן אָנקום פון טאָג.

בקיצור, צו וואָס דאַרף איך דאָ גיין אַרום און אַרום? מיין באָבע פון טאַטנס זייט, די רביצין פון טוכאַנאָווקע, וואָס איז איצט געווען אַ גאַסט ביי אונז, איז געווען שטאַרק אומצופרידן מיט מיין אַראָפּקומען אויף דער וועלט.

— טעכטער — האָט זי געזאָגט — האָט שוין איר געבאָרן די שנור אירע, די רביצין פון כאַמילאָווקע, און די צווייטע שנור, די רביצין פון באָריסאָווקע, און עס איז איר שוין נמאס געוואָרן דאָס לעבן פון די מיידלעך. ניט צוליב דעם האָט זי איבערגעלאָזט דאָס פאַרקויפן די הייזער, און די שטוב אירע אין טוכאַנאָווקע און איז געקומען אַהער צו איר זון אין זשוזשיקאָווקע — און בכלל:

— וואָס וועט מען איצט זאָגן „אין הויף“?

עס איז אַ חרפּה צו דערציילן, אָבער זאָל דאָס פאַרשריבן ווערן אָט אַזוי ווי עס איז געשען: גאַנץ פרי, ווי נאָר עס איז ליכטיק געוואָרן אַז מען זאָל זען ווי צו שרייבן, האָט זי אַריינגערופן דעם שכנס, דעם איינבינדערס זון, און האָט אים דיקטירט די ווערטער וואָס ער דאַרף שרייבן אין איר נאָמען צו איר מאַן, דעם רב פון טוכאַנאָווקע.

אַנשטאָט דעם מיוחסדיקן טשיפּיק, האָט זי איצט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ וואָלענע טיכל, וואָס איז געווען פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע מיט אַ שטייפן, כמעט שרעקלעכן קנופּ.

די דורותדיקע שנאה פון אַן אַלטער שוויגער צו איר יונגער שנור האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אירע ברילן, ווען זי האָט זיך אָנגעבויגן צום טיש אויף צו זען, אויב אַלץ איז פאַרשריבן געוואָרן ווי עס דאַרף צו זיין וועגן איר ביטערן מזל צו די שידוכים פון אירע זין. און אַז דאָס אינגל, אַ צעטומלטער, האָט זיך אויפגעהויבן אין זיינע גרויסע שטיוול פון אַ דערוואַקסענעם און האָט געוואָלט זיך אָפּטראָגן, — איז זי נאָך אים נאָכגעלאָפן מיטן פּאַפּיר אין האַנט, אַז די ברילן האָבן זיך אַזש ניט געקענט איינהאַלטן און אַראָפּגעגליטשט זיך פון איר נאָז.

אַ זייגער צען, בערך, ווען אין שטוב איז די קעלט געוואָרן שטאַרקער, און דער אויוון איז נאָך ניט געווען איינגעהייצט, האָט מען געקענט הערן אַזאַ שמועס צווישן די צוויי רביצינס פון בײדע זייטן פון ווענטל:

— שוויגער — האָט געקרעכצט די רביצין פון זשוזשיקאָווקע, — מען וואָלט באַדאַרפט געבן דאָס קינד אַביסל געצוקערטן וואַסער.

— געצוקערטן וואַסער? — האָט איבערגעפרעגט די רביצין פון טוכאַנאָווקע אין איין זידעניש.

— יע, אַביסל געצוקערטן וואַסער — האָט די רביצין פון זשוזשיקאָווקע געענטפערט מיט אַ שוואַכער שטים, און מען דאַרף זי צודעקן מיט עפּעס, זי זאָל זיך ניט פאַרקילן.

— המ! האָסט שוין געהערט, אַ גרויסע „מציאה“, זי וועט זיך פאַרקילן — האָט די רביצין פון טוכאַנאָווקע אַ סקריפּע געטאָן מיט אירע וואָליקעס, און האָט צוזאַמענגענומען די קיכלעך, וואָס מען האָט צוגעגרייט צו דער „שמחה“, אויף אָפּגעבן זיי צוריק צום בעקער.

עס איז גאַנץ זיכער, אין איר אַלטן פאַרטאַך מיט פּאַסן האָט זי אויס־

געזען ווי אַ טיגערין, און דער קנופּ פון טיכל אונטער דער גאָמבע איז געווען שטייף, כמעט דראָענדיק.

אַזויווי זי האָט זיך שטענדיק געפונען צווישן לומדים און האָט זיך צוגעהערט צו זייערע שמועסן, האָט זי געקענט עטלעכע מאמרי חז״ל וועגן טעכטער און זייער ווערדע אין לעבן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט זי געוואוסט, אַז אויב אַ זון קען מען פאַרגלייכן צו ווייַן, איז אַ טאָכטער ניט מער ווי עסיק. אויב אַ זון קען מען פאַרגלייכן צו ווייץ, איז אַ טאָכטער — צו גערשטן.

אמת: מען דאַרף ווייַן, און מען דאַרף עסיק, אָבער ווייַן איז מער ווערט ווי עסיק. און די זעלבע זאַך איז מיט ווייץ און מיט גערשטן, די ווייץ איז מער, ווי גערשטן.

אוי, די וואוילקענעוודיקייט פון דער אַלטער רביצין איז געווען אַ שרעקלעכע. ווי שווערע שטיינער האָבן זיך געקייקלט די תורה־ווערטלעך פון איר מויל, יעדעס ווערטל שווערער, און שרעקלעכער פון פריערדיקן — און די רביצין פון זשוזשיקאָווקע איז געלעגן אויף יענער זייט ווענטל אין איר לויטערן טשיפּיק פון אַ קימפּעטאָרין, אַ בלייכע, אַ דערשטוינטע, און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

אין קאָפּ ביי איר, וואָס איז געווען זייער מיד פון דער שלאָפלאָזער נאַכט, האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט ברעקלעך געדאַנקען און באַווייזן וואָס אין אַן אַנדער צייט וואָלט זי זיך געקענט אָנכאַפּן אָן זיי און זיך פאַרטיידיקן. עס וואָלט דאָך גענוג געווען צו דערמאָנען איר דעם טאָג, ווען עס איז געבאָרן געוואָרן איר עלטערע טאָכטער, און דער מאַן אירער, דער רב, האָט איבערגעלייענט פאַר איר דעם בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זיין פאָטער, דעם רב, און האָט אים דערקלערט בפירוש, אַז דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין חומש „און גאָט האָט געבענטשט אברהמען בכל״ (מיט אַלץ), מיינט עס אַז ער האָט אים געגעבן אַ טאָכטער, און איר נאָמען איז געווען „בכל״...

עס איז זיכער, אַז ווען איר מאַן וואָלט איצט געווען אינדערהיים וואָלט ער מיט זיין גרויסער גוטסקייט איצט אויך געפונען עפּעס פון זעלביקן קוואַל אויף טרייסטן זי מיטן געבורט פון דער צווייטער טאָכטער. די יונגע רביצין האָט אַ קרעכץ געטאָן, ווען זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער, האָט געזען אַז עס רוקט זיך שוין אָן דער פאַרנאַכט, און ער, דער רב, איז נאָך אַלץ ניט געקומען צוריק.

דער קורצער ווינטערדיקער טאָג האָט זיך דערווייל דערנענטערט צום סוף. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ צי געטאָן שאָטנס, האָבן אַרומגענומען די ווענטלעך פון וויגל, דאָס ווענטל און דער מאַמעס בעט, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם ווענטל.

אַז עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער אויוון איז אויך פאַרטונקלט געוואָרן און האָט זיך אויפגעגאָסן צוזאַמען מיטן פריפּיטשעק און געוואָרן איין טונקעלע שרעקנדיקע שטיק, האָב איך געפּרוּווט אין מיין ביטער געמיט זיך אַ ריר טאָן, זיך באַפרייען פון די וויקעלעך, אָבער די קניפּלעך זיינען געווען פאַרקניפּט מיט אַ שטאַרקער האַנט, מיט דער האַנט פון דער אַלטער רביצין, און דעמאָלט, אַז איך האָב אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אַהין און אַהער, און איך האָב דערזען אַז אַרום מיר איז שטיל און פינצטער, האָב איך געטאָן דאָס וואָס עס טוט יעדער מענטש ווען ער איז עלנט און פאַרלאָזט און ווייט פון יעדער הילף:

— איך האָב אויפגעהויבן מיין קול און איך האָב געוויינט.



און אָט, זעט אַ וואונדער (שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט אַז אַלע ישועות קומען פּלוצלינג און דורך אַ וואונדער), פון דער פינצטערקייט וואָס איז געהאנגען אַרום, ווייט ווייט הינטער דער שטוב, האָט מען דערהערט אַ קלונג פון אַ גלעקל, און איידער עמעצער האָט באַוויזן צוצוגיין צום פענצטער, האָט די טיר מיט פרייד זיך אַן עפן געטאָן, און אין שטוב איז אַריינגעקומען דער מענטש, וואָס איידער איך האָב אים נאָך געקענט, האָב איך געוואוסט, אַז עס איז געקומען דער וואָס וועט מיר אַלע מיינע יאָרן טייערער זיין פון אַלע טייערקייטן פון לעבן.

בלויז פון דעם באַוועג פון זיין פוטער, ווען ער האָט אים אויסגעטאָן, האָט אויף מיר אַ בלאָז געטאָן אַ באַזונדערער ריח, אַ זיסער ריח, וואָס בלויז אַ טאַטע האָט, און אַז ער איז צוגעגאַנגען צום הילצערנעם ווענטל, האָט אָפּגערוקט די צוויי האַלבע פאָרהאַנגען און האָט פריידיק אַויסגערופן „מזל טוב״ — האָט ביי מיר פאַרכאַפּט דער אָטעם פון הייטערקייט און איך האָב באַלד אויפגעהערט וויינען.

צי דאַרף מען נאָך דערציילן וואָס ווייטער איז געווען? נאָכדעם האָט מען אָנגעצונדן די לאָמפּן פון דער זייט ווענטל און פון יענער זייט ווענטל, און אַן אויפלייזונג איז געווען אין שטוב און אַ וואַרעמקייט.

מיט אַ קלאַנג, וואָס עס קען שענער ניט זיין, האָבן געקלונגען די לעפל אויפן ווייסן סערוועט ווען מען האָט געגרייט צום טיש, און אין שטוב האָט זיך פאַרשפּרייט דער ריח פון געקאָכטער וועטשערע, וואָס איז געשטאַנען אין אויוון נאָך פון פריער, פון ביי טאָג, און וואָס אַזאַ וועטשערע האָט מען געקענט קאָכן נאָר אין זשוזשיקאָווקע וואָס אין דער ליטע.

דער פאָטער, וואָס איז געגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער, האָט זיך אויסגעפרעגט ווי אַלץ איז דאָ צוגעגאַנגען אין פאַרלויף פון טאָג, האָט זיך שטאַרק געערגערט ווען די מאַמע האָט אים דערציילט, אַז צו זיין פאָטער, דעם אַלטן רב, האָט מען שוין אינדערפרי אַוועקגעשריבן אַ בריוו אָן אים. ער איז געשטאַנען לעבן דער מאַמעס בעט מיט אַ ליכטיק פּנים, די הענט פאַרשטעקט אין גאַרטל (אַזוי איז ער מסתּם געשטאַנען מיט פיר יאָר צוריק, ווען עס איז געבאָרן געוואָרן מיין עלטערע שוועסטער) און ער האָט אויסגעלייגט פאַר איר דעם בריוו וואָס ער דאַרף שרייבן צו זיין טאַטן, און האָט איר דערציילט וועגן דעם פאַל מיט ר׳ שמעון בר אמי, וואָס אין דעם טאָג ווען ביי אים איז געבאָרן געוואָרן אַ טאָכטער, האָט אים באַגעגנט דער בבלי, ר׳ חייא הגדול, און האָט אים געזאָגט — אַז גאָט האָט אים אָנגעהויבן בענטשן.

— אַזוי, אַזוי — האָט ער פאַרפעסטיקט מיט זיין לויטערער שטים, קוקנדיק ווי ביי דער מאַמען גייט אויף אַ ראָזקייט אויף די באַקן, כאָטש די אויגן זיינען נאָך עטוואָס פאַרנעפּלט.

וואָס אָנבאַלאַנגט מיין באָבע, האָט מיט איר פּאַסירט דאָס זעלביקע, וואָס עס פּאַסירט מיט אַן אייז־קריע, ווען עס פאַלן אויף איר פּלוצלינג זונענשטראַלן.

אַז זי האָט דערזען דאָס ליכטיקע פּנים פון איר זון, האָבן זיך ביי איר אויסגעגלייכט די צאָרנדיקע קנייטשן אויפן שטערן און דער קנופּ אונטער דער גאָמבע איז באַדייטנד ווייכער געוואָרן. און אַז דער פאָטער האָט זיך צו איר געווענדט און האָט איר געזאָגט, אַז דעם אינגל וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין פאָלוואַרק האָט מען אָנגערופן מיט אַ נאָמען „פון דער

משפחה״, מיטן נאָמען פון פעטער פון טוכאַנאָווקע, ר׳ שמואליק — האָט זיך מיט איין מאָל פאַנאַנדערגעבונדן דער קנופּ פון דעם טיכל, און בײדע ראָגן זײַנען אַוועק אַהין און אַהער אין בײדע זײַטן, און מען האָט זיי שוין מער ניט פאַרקניפּט דעם גאַנצן אָוונט.

מיט אַן אַנדער ניגון האָט זיך געגאָסן דאָס וואַסער אונטער אירע הענט ווען זי האָט געוואַשן די ליימענע טעפּלעך, וואָס זי האָט זיי דאָס מאָל צעשטעלט אויף דער פּאָליצע אין אַ שורה, אין אָרדענונג, מיט די מײַלער איבערגעקערט אַרונטער, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען פון ריינעם קופּער.

און געטראַכט האָט זי אומגעפּער אַזוי:

אויב דאָרט האָט מען דעם אייניקל אַ נאָמען געגעבן נאָכן פעטער, זכרונו לברכה, ר׳ שמואליק, איז דאָך אַ יושר אַז דאָ זאָל מען רופן די בײַ־געבאָרענע אויפן נאָמען פון דער מומע האָדל, זאָל רוען אין גן עדן, און אויב דאָס איז אַ באַשערטע זאַך, וועלן זיי נאָך קומען און זיך בעטן בײַ אונז, און דעמאָלט וועלן מיר טאַקע ניט וועלן — און זי האָט זיך אַ לייג געטאָן אין בעט מיט אַ נקמה־געפיל, נאָכדעם ווי זי האָט איבערגעביטן דאָס וואָלענע טיכל אויף אַ ווייסן נאַכט־טשיפּיק, און דאָס מורמלען די „קריאת־שמע״ וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ רגע, איז צוריק אַוועק מיט אַ רואיקן זאָגן, ווי אַ קוואַל וואָס ווערט רואיק נאָך אַ שטורעם.

אַ לאַנגע צײַט איז נאָך דער טאַטע געגאַנגען הין און צוריק אויף יענער זײַט ווענטל און האָט געמורמלט אַ צופעליקן ניגון צו זיך אַליין. נישט וויכטיק, צי עס איז אויף אײַנשלעפערן עמיצן, צי אויף באַרואיקן, דאָס איז אַ ניגון וואָס יעדער טאַטע זינגט אים. דער ניגון זײַנער, דער אומגעוויינלעכער ניגון, האָט מיט דער צײַט, אַז איך בין געלעגן באַנאַכט אויף מײַן געלעגער, זיך געגאָסן אין מיר מיט אַן אומעט, ווי מען גיסט אָן וויין. און דערנאָך איז ער געקומען, דער ניגון פון טאַטן, ווען ער איז געזעסן בײַם לאָמפּ לעבן זײַן טיש מיט די ספרים און האָט געטראַכט שוין נישט וועגן דעם גורל פון זין און טעכטער, נאָר וועגן דעם גורל פון דעם מענטשן אויף אונזער ערד.

פון העברעאיש: ק. מ.

*

# יונגע געזאַנגען פון טויטן־טאָל

## קאָנצערט אויפן אַלטן שולע־בוידעם

(געשפּילט פון גדעון קליין)

ווייסע פינגער פון דעם קברות־מאַן שלאָפן שווער אויף אונדז.
אַוועק אַ האַלבער יאָרהונדערט,
זינט עמיצער האָט אַפילו באַרירט אָט די פּיאַנע.
זאָל זי נאָכאַמאָל זינגען,
ווי מ׳האָט זי געצוואונגען טאָן נעכטן.
כישוף הענט וואָס באַרירן קוים אָדער וואָס דונערן.
דער שטערן פון דעם מענטשן איז שווער ווי דער הימל
איידער ס׳רעגנט.



און די פּרוזשינעס
אונטער דער משא פון אויפרודער האָבן פאַרגעסן צו קרעכצן.
אַוועק אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט ס׳האָט עמיצער
אַפילו אָנגערירט אָט די פּיאַנע.
אונדזער גוטער פריינט צײַט האָט אויסגעזויגן, אויסגעליידיקט
יעדע פיגור,
ווי אַ האָניק־בין וואָס האָט לאַנג גענוג געלעבט
און געטרונקען גענוג האָניק, אַז זי קאָן איצטער ערגעצוואו
טריקענען אויף דער זון.

אונטער די געשלאָסענע אויגן זיצט נאָך אַ מענטש,
אונטער געשלאָסענע אויגן, זוכט ער צווישן די ביינדלעך,
ווי צווישן די אָדערן וואָס בלוט פליסט דורך זיי רואיק,
ווען דו קושסט זיי מיט אַ מעסער און לייגסט צו אַ געזאַנג.

און דער מאַן האָט נעכטן אויפגעשניטן אַלע אָדערן.
עפענענדיק אַלע אָרגעל־רערן,
און באַצאָלט אַלע פייגל זיי זאָלן זינגען, זיי זאָלן זינגען.

כאַטש די שטרענגע פינגער פון קברות־מאַן
שלאָפן שווער אויף אונדז, —
געבוינגן אין זײַן טויט־פורעם,
ביסטו ווי בעטהאָווען,
דײַן שטערן איז געווען אַזוי שווער
ווי דער הימל איידער ס׳רעגנט.

(נאָמען פון יונגן פּאָעט אומבאַקאַנט. די אינספּיראַציע פאַרן זעלבסטמאָרד־קאָנצערט איז אויך פאַרהוילן, אָבער דאָס פּרעכטיקע ליד לעבט פאַר זיך אַליין אָן אויפקלערונגען).

## ווייטאָג שלאָגט פונקען אויף מיר, דער ווייטאָג פון טערעזין

פּופּצן בעטן, פּופּצן קאַרטלעך מיט נעמען.
פּופּצן מענטשן אָן אַ משפחה־בוים.
פּופּצן קערפּערס פאַר וועמען ענוים זענען רעצעפּטן און פּילן.
בעטן וואָס איבער זיי גיסט זיך דאָס רויטע בלוט פון דורות.
פּופּצן קערפּערס וואָס ווילן דאָ לעבן.
דרייסיק אויגן זוכן שטילקייט.
גאָלע קעפּ גאַפן פון תפיסה אַרויס.
די הייליקייט פון יסורים, וואָס איז נישט מײַן דאגה.

די מחיה׳דיקע לופט, טאָג־איין טאָג־אויס,
שמעקט מיט אומהיימלעכקייט און קאַרבאָל.
די קראַנקן־שוועסטערס טראָגן טערמאָמעטערס.
מוטערס וואָס בענקען נאָך אַ שמייכל.
עסן איז דאָ אַזאַ לוקסוס.
אַ לאַנגע, לאַנגע נאַכט און אַ קורצער טאָג.

אָבער סיווײַ וויל איך נישט פֿאַרלאָזן
די באַלויכטענע צימערן און די ברענענדיקע באַקן.
קראַנקן־שוועסטערס וואָס לאָזן איבער נאָך זיך אַ שאָטן,
צו העלפֿן די קליינע חולאים.
איך וואָלט דאָ געוואָלט בלײַבן אַ קליינער פּאַציענט,
וואַרטנדיק אויף דעם דאָקטאָרס טעגלעכע באַזוכן.
ביז נאָך לאַנגע, לאַנגע טעג,
וואָלט איך צוריק געזונט געוואָרן.

דעמאָלט וואָלט איך געוואָלט לעבן
און גיין צוריק אַהיים.

(די דאָזיקע שפּיטאָל־אימפּרעסיע מיט דעם לאַנגן טרויעריקן נאָמען איז פֿאַרבליבן אָן אַן אונטערשריפֿט. ס'איז אַ ליד פֿון אַ קליינעם פּאַציענט אין געטאָ, וואָס האָט גיכער געוואָלט לעבן אין שפּיטאָל, איידער אויף דער אומגעזונטער פֿרײַ).

## צו אַלגאַ !

הער !
דער פֿײַף פֿון שיף האָט זיך נאָר וואָס געהערט
און מיר מוזן אָפּשווימען,
אַרויס צו אַן אומבאַקאַנטן האַפֿן.
מיר וועלן שווימען אַ לאַנגן, לאַנגן וועג
און חלומות וועלן ווערן אַן אמת.
אָ, ווי זיס איז דער נאָמען מאַראָקאָ !
הער !
איצט איז צײַט.

דער ווינט זינגט לידער פֿון ווײַטן אַוועק.
גיב נאָר אַ קוק אַרויף צום הימל
און טראַכט פֿון די פֿיאָלעטן.

הער !
איצטער איז די צײַט.

(דאָס ליד איז געשריבן פֿון דער זעכצן־יאָריקער אַלענאַ סינקאָוואַ. זי איז צווישן די גליקלעכע הונדערט, פֿון די 15 טויזנט קינדער אין טערעזין, וואָס איז געבליבן לעבן).

*

די דרײַ לידער, געשריבן אין טערעזין־לאַגער פֿון קינדער און יוגנטלעכע, אין עלטער פֿון צען ביז זעכצן יאָר, זענען איבערגעזעצט פֿון ענגלישן טעקסט. אַ סך שורות זענען אומקלאָר, אָבער כ'האָב זיי איבערגעלאָזט אין זייער פֿאַרנעפּלטקייט.

יעקב גלאַטשטיין



מלך ראַוויטש

# וועגן סוד הצמצום

(אַ פּראָבלעם — אייביק און אַקטועל)

דער ים קען אַרײַן אין אַ טראָפּן וואַסער, די זון — אין אַ טראָפּן טוי, וואָס הענגט אויף אַ בלעטל אין אַ זומער־פֿרימאָרגן. אַ מענטשהייט מיט אַלע אירע פּראָבלעמען קען אַרײַן אין אַן אָפּגעלעגן דערפֿל מיט אַ פּאָר צענדליק משפּחות. אַ וועלט־ליטעראַטור קען אַרײַן אין אַ צוויי־דרײַ בענד פֿון אַן אַנדערטהאַלבן טויזנט זײַטן און אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור קען אַרײַן אין אַ ספֿרל פֿון אַ זײַטן הונדערט.

און ווען איך וואָלט געקענט דעם סוד הצמצום, וואָלט איך מסתּמא דעם דאָזיקן מאמר מײַנעם געקענט צונויפֿדרענגען אין איין פּסוק. אָבער אַזוי ווי איך שרײַב וועגן דעם כּוח הצמצום און נישט מיט דעם כּוח הצמצום — וועט דער מאמר זײַן אַביסל לענגער. אָבער נאָר אַביסל.

די גאַנצע וועלט איז פֿול מיט באַוואוסטזיניקן און אויך אונטערבאַוואוסטזיניקן צמצום. די גאַנצע וועלט איז אָבער אויך פֿול מיט אומזיניקער עקספּאַנסיע, מיט אומזיניקן ריווח. אַ בוים אין האַרבסט פּראָדוצירט אַ זאָמען־קערן, אַז ער זאָל קענען מגולגל ווערן און ווידערוואַקסן, ווידערזײַן. אַ זאָמען — דער פּערפֿעקטסטער צמצום. אָבער דער זעלבער בוים פּראָדוצירט נישט איין אַזאַ זאָמען־קערל, ער פּראָדוצירט אַ מיליאָן אַזעלכע קערלעך. ווילדע פּזרנות. שטאָט צו קאָנצענטרירן זײַן אייגענעם צמצום — צעוואַרפֿט ער אים ווילדערהייט. ער באַשאַפֿט גלײַכצײַטיק פּערפֿעקטן צמצום און גלײַכצײַטיק פּערפֿעקטן אַנטי־צמצום, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן.

די גאַנצע וועלט אין אונזער געבענטשט־געשאָלטענעם אידישן און אַלגעמיינעם יאָרהונדערט איז ווי יענער בוים. פֿול מיט צמצום און נאָך מער פֿול מיט ריזיקער פּזרנות.

מיר שלינגען טויזנטער מײַלן מיט דזשעט־עראָפּלאַנען, מיר נעמען אַרײַן די קלאַנגען פֿון דער גאַנצער וועלט אין איין קליינעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, מיר נעמען אַרײַן דאָס בילד פֿון דער גאַנצער וועלט אין איין קליינעם טעלעוויזיע־אַפּאַראַט. און דאָס וואָלט דאָך געהייסן צמצום מן הצמצום. אָבער עס איז נישט אַזוי. פֿאַרקערט — מיר נעמען דאָס אינערלעכע צמצום־געפֿיל, וואָס איז דאָ אין אונז, וואָס איז מיט אונז געבוירן געוואָרן און מיר צעשפּאַרן עס, צעשטויסן עס, צעזעצן עס, שיער נישט — עקספּלאָדירט עס.

ווי לאַנג איז עס דען ערשט — געמאָסטן מיט דעם עלטער פֿון מענטש אויף דעם כּדור־הארץ — ווען מען האָט, כּדי אַ וואָרט צו פֿאַרפֿיקסירן, געדאַרפֿט עס קריצן מיט נויט און מי אין אַ שטיין. סך־הכּל איז עס דאָך דרײַ און דרײַסיק הונדערט יאָר זינט די עשׂרת הדיברות אויף די לוחות הברית. און שוין קען מען גרינג פֿאַרפֿיקסירן זעקס־ ביז אַכט־טויזנט ווערטער אין איין שעה אויף אַן עלעקטראָנישער לענטע. די וועלט ווערט צעשטויסן, צעזעצט, צעשפּאַרט, עקספּלאָדירט פֿון ווערטער.

ווען איך וואָלט געהאַט אַ דעה איבער אידישע פּאָעטן, וואָס זייער־אונזער פּאָזיציע איז באמת אַ יחידה־במינה אין דער גאַנצער וועלט בײַם הײַנטיקן טאָג, ווען איך וואָלט געהאַט כאָטש אַן אמתע דעה איבער די אַפֿעקטן פֿון דעם פּאָעט מ. ר., דעם שרײַבער פֿון די שורות, וואָלט איך אַרויסגעגעבן

אַ דעקרעט, אַז שרייבן מעגסטו וויפל לידער דו ווילסט, אָבער דרוקן בלויז יעדעס צענטע.

אויך ווען איך האָב אַ דעה איבער אידישע רעדאַקטאָרן, וואָס אונטער זייער השגחה ווערן געדרוקט לידער אין צייטונגען, צייטשריפטן, אַלמאַנאַכן, וואָלט איך געדרוקט בלויז איין ליד פון אַ פּאָעט אויף איין מאָל.

מחמת אַ ליד איז אַ גאַנצע וועלט אין צמצום און עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז אַ לייענער זאָל קענען איינזאַפּן אין זיך אויף איינמאָל צוויי וועלטן אָדער דריי וועלטן, אָדער גאָר צען, ווי עס מאַכט זיך אָפּט אין אונזערע צייטשריפטן, צייטונגען, אַלמאַנאַכן, וואָס דרוקן לידער.

אַ ליד איז אַ וועלט — און אויב עס איז נישט קיין וועלט — איז עס נישט קיין ליד.

צוזאַמען מיט אַלע ענטוזיאַסטן פון דער אידישער פּאָעזיע, צוזאַמען מיט א. לעיעלעס און דר. שמואל מאַרגאָשעס, די פּרעזידענטן פון דער דאָזיקער ענטוזיאַסטן־געזעלשאַפט, האַלט אויך אַני הקטן, אַז די אידישע פּאָעזיע האָט איר מיט כבוד פאַרדינטע שטאָט אין דער מזרח־וואַנט פון דער וועלט־פּאָעזיע. און דאָך האַלט איך, אַז עס וואָלט גוט געוועזן, ווען זי וואָלט זיך בפומבי מצמצם געוועזן — ווי דאָס איז פּירגעלייגט געוואָרן אין פריערדיקן פּאַראַ־גראַף. אָבער איך האָב אַ גאַנץ שוואַכע אמונה אין דער ממשדיקער פּעולה פון מיינע רייד. ובכן וועל איך (מסתמא שוין צום הונדערטסטן מאָל) אָנרירן אַן אַנדער ענין, וואָס האָט אויך אַ נאָענטע שייכות צום סוד הצמצום.

איר פאַרשטייט דאָך שוין אַליין: אַנטאָלאָגיעס!

אין יעדער ליטעראַטור איז געווינטלעך פאַראַנען אַ מזומן, זעלטן, גאָר זעלטן אַ מנין, פּאָעטן, וואָס קענען זיך האַלטן אַליין איבערן וואַסער פון דעם מוראַדיקן לעטהע־טייך פון פאַרגעסן־ווערן. אָבער די ליטעראַטור אַלס גאַנצע דאַרף אויך אַלע אַנדערע גוטע פּאָעטן, כדי צו זיין אַ גאַנצע ליטעראַטור. און דער עיקר, כדי צו האָבן אַ פּערפעקט־פונקציאָנירנדיקע לירישע סעקציע.

מיט אַ צייט צוריק האָט יעקב גלאַטשטיין אויף זיין וואונדערלעכן שטייגער זיך צעשריבן וועגן דער רעגנבויגנדיקייט פון דער אידישער פּאָעזיע און ווי אַזוי מען קען פון איר פיל־קאָלירקייט און פיל קלאַנגיקייט אַרויס־צונויפשטעלן אַנטאָלאָגיעס אויף יעדער וויכטיקער טעמע. איך געדענק שוין נישט צי האָב איך פון אים (אין דעם פאַל פאָדערט די העפלעכקייט פאָרויס־צושטעלן דעם: איך . . .), אָדער ער פון מיר דעם געדאַנק פּלאַגירט. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, דער געדאַנק איז גאָלד מיט זילבער.

ווי זאָגט דער אַלטער קלוגער קהלת: לכל זמן ועת לכל חפץ תחת השמים. און איצט איז די צייט אין דער אידישער ליטעראַטור — אַלס גאַנצער — און בפרט אין איר וואונדערלעכער לירישער וועלט — צו מאַכן סך הכלען אויף אַלערליי אופנים.

די אידישע וועלט דערוואַכט צום באַוואוסטזיין פון דער געוואַלטיקער פראַכט פון דעם מזרח־אידנטום. אָט דאָס אידנטום פון מיליאָנען אירע, וואָס איז שוין היינט אַ געזונקענע אַטלאַנטיס איז דאָ אין צמצום פון אידישן ליד. און איז די לעגענדאַרע אַטלאַנטיס געזונקען געוואָרן — אַלס שטראָף פון אירע זינדיקע איינוואוינער — איז אונזער אַטלאַנטיס געזונקען געוואָרן אַלס שטראָף פאַר זיין אַ וועלט פון בעלי־חלומות, פון צדיקים, פון וועלט־אויסלייזערס אין אַ וועלט, וואָס וויל זיין און בלייבן אַ וועלט ווי זי איז,



איך חלום —

אַן אַנטאָלאָגיע סתם — אין וועלכער איך וואָלט אַריינגענומען יעדן איינציקן אידישן פּאָעט, אַפילו דעם בלייכסטן, כאָטש מיט איין ליד. וואָרים יעדער האָט כאָטש איין ליד — מיט זיין אייגן פּנים — אָנגעשריבן.

אַן אַנטאָלאָגיע פון אידישע ליבעס־לידער.

אַן אַנטאָלאָגיע פון אַהבת־ישראל און אַהבת־מענטש.

אַן אַנטאָלאָגיע מיט סאָציאַלע מאָטיוון, קאַמף פאַר גערעכטיקייט.

אַן אַנטאָלאָגיע פון נויט און פון רחמים צו די וואָס ליידן.

אַ הומאָריסטישע אַנטאָלאָגיע.

אַן אַנטאָלאָגיע פון לידער, וואָס בעטן זיך, אַז מען זאָל זיי רעציטירן.

און כאָטש איך בין מיטן גאַנצן האַרץ אַן אָנהענגער פון מידת הרחמים; וואָס שייך אַנטאָלאָגיעס בין איך אַן אָנהענגער פון מידת הדין. וואָרים ווי ליב עס זאָל אונז נישט זיין יעדער פּאָעט באַזונדער — די אידישע ליטעראַטור אַלס גאַנצע איז אַלץ ליבער.

צוזאַמענשטעלערס פון אַנטאָלאָגיעס דאַרפן האָבן דעם כוח הצמצום און דורכגעדרונגען זיין מיט דעם סוד הצמצום.

און שטראָפט מיך נישט פאַר דעם ווערטער־פּזרנות פון דעם דאָזיקן מאמר. אַזוי זענען מיר שוין אַלע — מיר פּרעדיקן בלויז צמצום.

*

יוסף רובינשטיין

# ל י ד ע ר

## די שטומקייט פון דעם שטיין

עס דרימלען ערגעץ טיף אין מיר באַהאַלטענע געפילן,
וואָס זיינען ווי די שטיינער שטום און ווי די זאַמדן בלינד.
איך בין אַמאָל אַליין געווען דאָך זאַמד און פלעג זיך שפּילן
מיט כוואַליעס אויף דעם ברעג פון ים, מיט פלאַטער פון דעם ווינט.

איצט רוישט נאָך אַלץ דער ים אין מיר און שקיעה־וואָלקנס שוועבן,
און שטורעם־ווינטן קרייזן אום אין נאַכט פון מיין געביין.
דאָס האָט מען מיר באַפוילן דאָך — בין איך געוואָרן לעבן.
נאָר ס'וויינט אין מיר און ס'זינגט אין מיר די שטומקייט פון דעם שטיין.

## אַ שקיעה

אַ מענטש טראָגט אום אַ פענצטער אין זכרון,
וואו גאָלדיק־רויט אַ שקיעה האָט געגליט.
די טעג אַליין האָט ער שוין לאַנג פאַרלאָרן —
די שקיעה נאָר גליט אַלץ אין זיין געמיט.

צווישן שטעט די גרעסטע און די שענסטע,
וואו פול מיט פענצטער טויזנט זיינען ווענט,
צינדט ער פאַרנאַכט אָן יענעם פענצטער,
וואָס גליט נאָך אַלץ מיט שקיעה'דיקן בלענד.

משה שטאַרקמאַן

# יעקב גלאַטשטיינס „אין תוך גענומען“

עסייען 1949—1959. קיום־פאַרלאַג פועלי ציון־התאחדות, בוענאָס איירעס, ה׳תש״ך — 1960. בוך איינס — 341 זייטן; בוך צוויי — 376 זייטן.

אין מלכות פון דער אידישער ליטעראַטור האָט יעקב גלאַטשטיין זוכה געווען צו דריי קרוינען: צום כתר פון דיכטער, צום כתר פון דערציילער און צום כתר פון קריטיקער. „איך שרייב קריטיק בדחילו ורחימו“, — האָט גלאַטשטיין דערקלערט אין אַ שמועס, וואָס ס׳האָט מיט אים געהאַט יעקב פּאַט, — „איך וויל העלפן שאַפן אַ יום־טוב פאַרן אידישן בוך. עס איז אומעטיק אין הויז פון דער אידישער ליטעראַטור. מען האָט אָנגעהויבן אַליין אויסדרייען די קנויטן אין די לאָמפּן. מען מוז מאַכן ליכטיק“.

די צוויי בענד „אין תוך גענומען“, וואָס זיינען אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1947 און אין 1956, און די צוויי בענד, וואָס זיינען דערשינען אין בוענאָס איירעס אין 1960, — זייערע כאַראַקטעריסטיקעס פון שרייבערס און ווערק, — זיינען אינאיינעם אַ גייסטרייכע שילדערונג פון דער אידישער ליטעראַטור און איר אַנטוויקלונג זינט די קלאַסיקער ביז איצט.

אַלע אמתע ליטעראַטור־קינסטלערס האָבן דעמזעלביקן איינגעבוירענעם טאַלאַנט דורך וואָרט־מאָלעריי און וואָרט־מוזיק אויסצודריקן זעאונגען און געפילן, בילדער און געדאַנקען. אָבער איטלעכער קינסטלער טוט דאָס אויף זיין אייגענעם און אייגנאַרטיקן שטייגער. אַזוי אַרום שאַפט יעדער וואָרט־קינסטלער נייע קונסט־געזעצן און ער ברייטערט אויס די פריערדיקע באַגריפן וועגן וואָרט־קונסט. די דאָזיקע אייגנאַרט און דערגרייכונג זוכט דער קריטיקער גלאַטשטיין ביי איטלעכן באַהאַנדלטן שרייבער און אין יעדן באַזונדערן בוך פונם באַטרעפנדיקן שרייבער. דער קריטיקער ווערט אינספּירירט, ווען ער געפינט דאָס געזוכטע. גלאַטשטיינס קריטיש־עסטעטישע מיינונגען פאַרכאַפּן און קריצן זיך איין ניט בלויז דורכדעם, וואָס זיי זאָגן, נייערט אויך דורך דעם אופן ווי אַזוי זיי ווערן אַרויסגעזאָגט ביים שילדערן אַ שרייבערס אויפטוען און דורכפאַלן, עליות אָדער ירידות. אַ שאַרף־אַנטוויקלטער אַנאַליטישער חוש דינט גלאַטשטיינען צו אונטערשיידן צווישן סתם־געאיבטער שרייבעריי און אמתן טאַלאַנט; צווישן פאַלשע „געפיל־פולקייט“ און אמתדיק־טיפן געפיל, וואָס רייסט זיך צו אויסדרוק. גלאַטשטיין דערפילט דעם זין און גייסט ניט נאָר פון די שורות, נייערט אויך די לופט צווישן די שורות, און ער שטרעבט צו דערגרונטעווען די תהומען פון דעם שאַפערס עמאָציאָנעלער וועלט.

בירשטיין פאַרמאָגט אַ גוט מוזיקאַליש אויער פאַר דער מעלאָדישקייט פון יידישע שורות (באַנד 1, ז. 294); אייזענמאַנס דערציילונגען פון פוילן, רוסלאַנד און ישראל זענען אַ מין אויסלאָדונג פון לירישע געפילן, מיט געזאַנג־באַגלייטונג אין פּראָזע (דאָרט, ז. 305); מען קען טייל שאַרגעלס לידער לייענען און צוריקקומען צו זיי און ווידער דערשפּירן אין זיי דעם טעם פון ווערטער, וואָס זאָגן זיך זינגענדיק און וואָס מיינען עפּעס זאָגעוודיק (דאָרט, ז. 307).

אָפּט געלינגט גלאַטשטיינען אין איין פּאַראַגראַף, טיילמאָל אין בלויז עטלעכע שורות, צו געבן אַן עיקרדיקע כאַראַקטעריסטיק פון אַ שרייבער, — אַזוי אַז דאָס ווייטער־געזאָגטע זעט אויס ווי אַ שיינע ראַם אָדער ווי אַ שאַרפזיניקער פירוש צום אַרויסגעזאָגטן עיקר:



אין זיין דיכטונג האָט ער [לייוויק] גענומען אויף זיך נישט נאָר דעם עונש פאַר אייגענע ליידן און אייגענע זינד, נאָר ער האָט זיך פאַרנומען אויף אַ וועג פון אידענטיפיקאַציע מיט די ליידן פון די אייגענע העלדן (באַנד 1, ז. 15); אין זיינע געציילטע יידישע לידער און אַפילו אין די עטלעכע איבערזעצונגען פון יהודה הלוי און היינען, זעט מען, וואָס פאַר אַ רייכן יידישן שפּראַך־חוש ביאַליק האָט פאַרמאָגט, מיט וואָס פאַר אַ גאַנץ האַרץ ער האָט געשמידט זיינע יידישע שורות, און ווי ער האָט בפירוש מקפּיד געווען אויף יעדן וואָרט. — — — „אין שחיטה שטאָט“, וואָס ביאַליק האָט אַליין איבערגעזונגען, נישט איבערגעזעצט, נאָר איבערגעקנאָטן אויף יידיש, זעען מיר ווידעראַמאָל, ווי אַריינגעטאָן מיטן גאַנצן האַרצן ביאַליק איז געווען, ווען ער האָט געשריבן יידיש. דאָס לשון פון דער פּאָעזיע פאַלט פון שורה צו שורה ווי אַ מעכטיקער וואַסערפאַל. — — — אין דער „שחיטה־שטאָט“ איז ביאַליקן געגאַנגען צו ווייזן, ווי נאַטירלעך יידיש פאַלט אַריין אין נביאיש און ווי העברייאישדיק יידיש קען זיין, ווען מען אַנטפּלעקט די פאַרהוילענע אוצרות און מען פראַלט־אויף די באַהאַלטענע טירלעך (דאָרט, זז. 48—49); קאַגאַנאָווסקי האָט — — — געהאַט אַ קינסטלעריש אויער פאַר יידישן שמועס. זיינע דערציילונגען זענען דערפאַר אַ גרויסע אַנטאָלאָגיע פון יידישן דיאַלאָג און פון אַ לעבעדיקן געזעמל פון יידישע מענער און פרויען, אין האַנדלונג און אין טראַכטן. קאַגאַנאָווסקי האָט פאַרמאָגט אַ ביטערע קלוגשאַפט און אַ לירישן אופן ווי אַזוי אַריינצוגיסן די טראָפּנס פון דער קלוגשאַפט אין זיינע דערציילונגען (דאָרט, ז. 212).

גלאַטשטיין פירט־אַריין דעם לייענער לפני ולפנים פון דער ליטעראַטור, — אין דער לאַבאָראַטאָריע פון מייסטערשאַפט און אין דעם ווערקשטאַט פון שרייבערישער טעכניק. ער באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון באַזונדערע שאַפערישע געביטן, פון שפּראַך, פון פאָלקלאָר און פון קרובהשע ענינים. וועגן יעדער באַזונדערער פאָרם־קונסט, פונקט ווי וועגן איטלעכן באַזונדערן פאָרם־קינסטלער, האָט ער צו זאָגן עפּעס נייס אָדער ער זוכט אַ נייעם צוגאַנג, אָפט קאָנקרעט און טיילמאָל בלויז ברמיזה.

וויפל מ׳זאָל ניט ריידן וועגן „אָביעקטיווער קריטיק“, איז זי אַן אויס־טראַכטעניש, אַ קאָנווענציאָנעלער ליגן. דער איינדרוק פון לייענען אַ ליד אָדער אַ דערציילונג איז פונקט אַזוי סוביעקטיוו ווי דאָס שרייבן אַ ליד אָדער אַ דערציילונג. דער קריטישער לייענער פון גלאַטשטיינס עסייען האָט טיילמאָל דעם באַגער אָפּצופרעגן מיינונגען, אי פּאָזיטיווע, אי נעגאַטיווע, וועגן באַשטימטע ווערק אָדער וועגן זייערע מחברים בכלל. גלאַטשטיין נוצט אין נעגאַטיווער קריטיק די פיילן פון איראָניע און סאַרקאַזם, — בעיקר ביים נעגירן די שאַבלאָנען פון „פּאַפּירענער“ ליטעראַרישקייט. דער דאָזיקער מאַניער היט אים אויס פון קריטישער ברוטאַלקייט.

דער אויסשטעל פון די עסייען אין די צוויי נייע בענד „אין תוך גענומען“ איז אין אַ ריי פאַלן טעמאַטיש ניט באַהאַפטן. ווען, למשל, די אָפּהאַנדלונגען וועגן קריטיק בכלל און וועגן ש. ניגער בפרט זאָלן מיט זיך פאָרשטעלן איין עסייען־ציקל, וואָלט דער לייענער געהאַט אַ פולע בילד פון גלאַטשטיינס שטעלונג צו קריטיק ווי צו אַ קונסט־געביט און אַ טיפערן אַריינבליק אין דער ליטעראַטור־פּראָבלעמאַטיק בכלל. דאָס זעלבע איז אויך דער פאַל בנוגע אַנדערע צעוואָרפענע אָפּהאַנדלונגען וועגן באַשטימטע פאָרמען פון וואָרט־קונסט. נעמט מען, ווידער, אין באַטראַכט די ביז־איצט־דערשינענע פיר בענד „אין תוך גענומען“, זעט מען, אַז אין באַזונדערע עסייען וועגן באַשטימטע שרייבערס גיט ער בלויז איינצלנע שטריכן צו איטלעכנס כאַראַקטעריסטיק אָדער ער שטעלט זיך אָפּ אויף איינצלנע פרטים פון יעטווידן ווערק זיינעם; אָבער די באַזונדערע אָפּשאַצונגען אינאיינעם וואָלטן מיט זיך פאָרגעשטעלט פאַרענדיקטע קאַנוועס פון קריטישע מייסטערווערק. דער עסיי „גערעדטע און

אויסגעשוויגענע ווערטער" (באַנד 2, זז. 119—122), איז טאַקע אַן אויסגעצייכנטע קריטישע מיניאַטור וועגן דעם עצם פון דיכטונג און אַ שליסל צו גלאַטשטיינס קריטעריע ווי אַ קריטיקער פון פּאָעזיע, — אָבער ווען געדרוקט בשכנות פון טעמאַטיש־ענלעכע עסייען, וואָלט מען געקענט בעסער באַנעמען גלאַטשטיינס טעאָריעס וועגן וואָרט־קונסט, און אפשר טיפער אַריינדרינגען אין דער וועלט פון זיין אייגענעם שאַפן. אויף דער טעמאַטישער צעוואָרפנקייט פון טייל עסייען איז מכפר דער פאַקט, וואָס כאָטש זיי זיינען ניט פאַראייניקט אינהאַלטלעך, זיינען זיי וועזנטלעך איינהייטלעך, — אין דעם זין, וואָס זיי זיינען געשאַפן געוואָרן פון דערזעלביקער באַגאַבטער פעדער. אַפילו אין עסייען, וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון פראַגמענטאַרישקייט, גלייך ווי געשריבן אויף דער הייסער מינוט דורך פּובליציסטישן דרוק און דראַנג, — אַפילו אין אַזעלכע פאַלן קומען צום אויסדרוק גלאַטשטיינס חכמה און חריפות, זיין גוסט און גייסט, זיין נוסח און סטיל.

די רייכקייט און בילדערישקייט פון אידישן לשון, די בויגעוודיקייט און אַפאָריזם־־אַרטיקייט פון אידישע אידיאָמען און פאַרגלייכן, וואָס וואָרצלען אין פאָלקישער פיקחות, — זיי אַלע גליען אין גלאַטשטיינס עסייאיסטישער פּראָזע און שיינען אַרויס פון איר אינאיינעם מיט זיינע אייגענע סטיליסטישע חידושים אינעם וואָרט־אוצר פון אונזער שפּראַך. אין זיין עסייאיסטיק דאָמינירט דער שאַרף־בליציקער נוסח פון דעם גייסטרייכן שמועסער. ס'איז דערפאַר נישטאָ קיין דיסאָנאַנס צווישן דעם נוסח פון די עסייען, וואָס זיינען לכתחילה געשאַפן געוואָרן ווי געשריבענע ליטעראַרישע שמועסן, און דעם נוסח פון די עסייען, וואָס גלאַטשטיין האָט זיי לכתחילה צוגעגרייט צום פירלייענען בציבור. אויף דעם זאָגן עדות אַזעלכע רעדעס־עסייען ווי „יידיש אין ווענעציע" (ב. 1, זז. 27—32), „אין קלוגן יידישן קרייז" (דאָרט, זז. 21—26) און דער שלוס־אַקאָרד פון די צוויי בענד: „יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — אַ נס" (ב. 2, זז. 362—373). יעדער אמתער עסיי איז, אין תוך, אַ געשריבענער מאָנאָלאָג, — אַזוי, אַז דער געשליפענער רעפעראַט און דער געשריבענער שמועס צווישן צוויי באַזונדערע אויסדרוקן פון דערזעלביקער קינסטלערישער עלאָקווענץ. איינצלנע ווערטער און וואָרט־פאַרבינדונגען אין גלאַטשטיינס קריטיקן רופן־אַרויס אָפט ביים לייענער געפיל־און־בילד־אַסאָסיאַציעס, וואָס ווערן געוויינטלעך אַרויסגערופן דורך שורות און פערזן פון לידער.

גלאַטשטיין רעאַגירט אויך אויף שאַפונגען, וואָס זיינען געשריבן דורך אידן אין ענגליש. פאַר אידיש־לייענערס איז אינטערעסאַנט צו קוקן אויף דעם „אַנגלאָ־דזשואיש" שאַפן דורך די אויגן פון אַ שאַפערישן אידיששרייבער. ס'איז אויך כדאי אָנצואווייזן, אַז גלאַטשטיין רעאַגירט ניט בלויז אויף ווערק וואָס געהערן צו דער „שיינער ליטעראַטור". יעדע פּאָזע פון גייסטיקער טעטיקייט אויף אידיש און שאַפונג ביי אידן, וועקט זיין אינטערעס און רייצט זיין נייגער, — דעם אינטערעס און נייגער פון אַן עמאָציאָנעלברויזנדיקן, צייטנווייז ברוגזן און טיף־פילנדיקן איד. ער רעאַגירט, בדרך הילוכו, אויך אויף מוזיק און מאָלעריי. ער צילט צו דערגרונטעווען די פּראָבלעמען פון איד און וועלט, איד אין דער וועלט, איד קעגן דער וועלט, וועלט קעגן דעם איד, און צו טויכן ביז די סאַמע גרונט־פּראָבלעמען פון אידישן קיום בכלל.

צום סך הכל:



יעדער קריטיקער, וואָס באַגרענעצט זיך ניט צו באַשטימטע שרייבערס אָדער שאַף־געביטן, נייערט ער רעאַגירט אויף אַלע וועזנטלעכע דערשיינונגען און דערגרייכונגען אין דער ליטעראַטור, — איטלעכער קריטיקער פון דעם מין ווערט ממילא אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער. דעריבער — ווען מ'זאָל די עסייען אין די ביז־איצטיקע פיר בענד „אין תוך גענומען" איינשטעלן לויט אַ באַשטימטן סדר פון שרייבערס און שרייבערישע דורות, וואָלטן מיר פאַר זיך געהאַט, אי קריטיש־עסייאיסטישע, אי היסטאָרישע שילדערונגען פון עטלעכע ליטעראַרישע תקופות, — איינגעשלאָסן די תקופה פון קידוש השם בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, און די תקופה פון נאַציאָנאַלער גלאָריע מיטן אויפקום פון מדינת ישראל. גלאַטשטיין דעקט־אויף פאַר אונז פונדאָסניי די ווערק פון יונג־אומגעקומענע שריפטשטעלערס און ער וועקט זיי אויף צו ליטעראַרישן תחית המתים. די בענד „אין תוך גענומען" געהערן צו די ווינציקע קריטישע ווערק אין וועלכע די אידיש־שאַפערס פון מדינת ישראל ווערן באַהאַנדלט, ניט פּאַטראָניזירנדיק, נאָר ווערדליג זייערע ריין־קינסטלערישע אויפטוען.

*

# דאָרט וואו די צעדער...

אפרים אויערבאַך

## יער הקדושים

### אַ נאָמען אין די בערג

מיר האָבן דאָ איבערגעלאָזט אַ נאָמען,
וואָס פרעמד איז ער אַפילו דעם ווינט,
ער איז דער בראשית, וואָס שוועבט איבער תהום'ען
און איידער ער ווערט נאָך, נעמט ער און צערינט.

אַ נאָמען איז עלנט, ווי אַ מענטש איז עלנט
און מיר האָבן אים געהייליקט אין שטיין, —
יהודה'ס בערג זענען זיינע געזעלן,
די נאַכט ברידערט זיך מיט אים אין געוויין.

נאָר איצטער איז טאָג. אויף אַ זילבערן שיפל
דערשווימט אַ וואָלקן פון גבעת יערים, —
ווי זאָלן מיר ציילן, אַז מיר ווייסן נישט וויפל
סע האָבן זיך נעמען צעלויכטן אין אים?

אַ נאָמען וואַקסט־אויס, ווי אַ בוים, ווערט באַבלעטערט,
צעשפרייט זיינע וואָרצלען, טרינקט זיך אָן מיט ערד,
האָט קינדער און קינדס־קינדער, מומעס און פעטערס,
נאָר אים איז דער עלנט אין בערג דאָ באַשערט.

אַז ווי זאָל ער וואַקסן פון תהום׳יקן איידער ?
דער שאָטן זיינער איז נאָך אַפילו נישטאָ.
אַז וואָלט ער געווען, וואָלט איך געשיקט אים אין חדר,
צו זינגען מיט זילבער קמץ אלף אָ.

אַזוי איז דאָס זילבער פאַרהילט אין אַ כמאַרע
און בערג היטן-אָפּ נישט-געבוירענעם קלאַנג,
דערשראָקן-פאַרטייעטע פייגלשע שוואַרע
טראַכט-אוים אויף ביימער אַ מידן געדאַנק.

פאַרזייט איז אין בערג אַ פאַרטראָגענער זאָמען,
אַ פונק דערפליט און די בלעטער צעצינדט, —
מיר האָבן דאָ איבערגעלאָזט אַ נאָמען,
וואָס פרעמד איז ער אַפילו דעם ווינט.

## ווינטס געיאָמער

ביימער זענען דאָ גרין געשריפטס, —
טויזנט-מאָל-טויזנט אַלף בית׳ן,
לייענט זיי דער ווינט מיט אַ זיפץ,
נאָר ער ווייסט נישט ווי זיי הייסן.

טרעפט, אַז אַ פויגל אַהער פאַרפליט,
גיט אים דער עלנט אַ פלי אַריבער.
ביימער רוישן דאָ אוים אַ ליד,
וואָס איז אַליין אַ גאַנצער ציבור.

וואָס איז אַ בוים ? אַ וואָרצל. אַ שטאַם.
צווייגנגעפלעכט. צעבינטלטע בלעטער.
דאָ איז אַ בוים דער נקמת דם
פאַרן אַמאָל, דעם איצט און דעם שפּעטער.

שפּירסט ווי אין ביימער-אָדערן רינט
טרויעריק בלוט, צעגרינט באַרג-אַרויפיק,
אָפּגעשטעלט האָט זיך אָבער דער ווינט
איבערן לעצטן קלאַפּ פונעם דופק.

נישט אינעם טאָג און נישט אין דער נאַכט, —
אייביקער איז די שיין אין צעווישן, —
האָט זיך אַ בוך אַ גרינס אויפגעמאַכט,
ווינט זאָל די בלעטער זיינע מישן.

וועט ער מישן אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט
און זיך דערמישן צו אייגן געיאָמער, —
אידן האָט ער אַמאָל אויך געהאַט,
דאָ איז דער וואַלד פאַר אידנס נישטאָ מער.



## קדיש דרבנן

לאָמיר נעמען אַ מנין ביימער,
זאָגן קדיש דאָ פאַרנאַכט-צו,
אָדער לערנען פשוט לאמר:
ריין געוואַשן — ויתרחצו.

קלאַנג פון בערג אַ פרומער שטראָם איז,
אַ פרוכת איז די כמאַרע,
ווערט אַן עמוד פון נשמות,
בקדושה ובטהרה.

זאָג דעם ווינט שטיל און שטילער:
נעם אַן אַלטן בוים, צערויש אים,
ער זאָל זיין דאָ דער בעל-תפילה
אינעם יער הקדושים.

דאַכט זיך, אַז סע בעט אַ בוים אים:
נאָר נישט וויינען, נאָר נישט מאָנען,
נישט קיין קדיש פון יתומים,
נאָר אַ קדיש דרבנן.

אונזער טרויער, אַ צעבליטער,
פלאַטערט דאָ מיט גרינע פאָנען,
מיט דערהויבענע געמיטער
זאָגט אַ קדיש דרבנן.

רחל קאָרן

## צ פ ת

די אַלטע איילבירט-ביימער אויסגעקרומט, צעדרייט,
ביים קלעטערן און קלעטערן באַרג-אַרויף צו צפת
מוזן נאָך געדענקען אַלע די, וואָס ליגן דאָ דערנעבן
אין פעלדזן, ווי אין האַרטע שאָלן איינגעפּאַסט.

ביים לעבן האָבן זיי אין פינצטערניש פון היילן
די צייט אַנטבלעטערט צו דעם סאַמע טיפסטן, לעצטן תוך
און אויפגעשלאָסן קרייז נאָך קרייז צום ליכטיקן באַשייד,
וואָס באַפרייט פון ערדישן און חומרדיקן יאָך.

זיי האָבן זיך געראַנגלט מיט פאַרשטעלטע כוחות פון דער וועלט,
ווי יעקב מיטן מלאך אין יענער גורלדיקער נאַכט,
ביז ס׳האָט באַ׳טל׳ט די בענטשונג זייער וואָרט
און ס׳האָט אַ זעאונג די פאַרבאָרגענע שערים אויפגעמאַכט.

איצט רוען זיי אין זייערע פעלדזנדיקע קברים
ביים וועג, וואָס פירט צוריק פון יעדן נע-ונד

צו יענער שטאָט, וואו ס'נידערט גאָט מיט יעדער שקיעה
און הילט זי מיט זיין אָטעם איין — די וואונדער-שטאָט ספֿאַד.

געסעלעך ווי אָרעמס אויסגעשטרעקטע, דינע
נעמען אַרום דעם נאַקן פֿון דעם הויכן באַרג,
זיי ווילן אים נישט אָפּלאָזן און טוליען זיך אַלץ נענטער,
ביז ער בייגט אַראָפּ צו זיי דעם שווערן קאַרק.

סע דרייען זיך דאָ טרעפּ און טרעפּלעך צווישן הייזער,
גלייך זיי וואָלטן גאָר אַליין דעם וועג פֿאַרלוירן,
ווי קינדערלעך, וואָס האָבן זיך פֿאַרבלאָנדזשעט
צווישן שטיינערדיקע, אומבאַקאַנטע מויערן.

פֿון שולן טריפֿט מנוחהדיק און ווייך דער מנחה-ניגון
אויף ביימער און אויף ערד, אויף הייזער אין דער גאַס,
בעת עס רייסט דעם וואָלקן דורך די מערבדיקע זון,
ווי ס'וואָלט איר באַנג געטאָן אַוועקצוגיין פֿון צפֿת.

צוויי בינטלעך שטראַלן, ווי הערנער רויט צעצונדן
זוכן מיין האַרץ — עס ווערט די שטילקייט צייטיק
פֿאַר נייער מתן-שירה, וואָס עפֿנט אויף די לוחות
פֿון מיין אויסגעשעפּטן גאַנצן צער און ווייטיק.

אָט דאָ אַקעגנאיבער איז דער הר מיראָן,
דאָס פּנים מיט געדיכטער, גרינער באָרד פֿאַרשטעלט —
ער היט די צייט, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט
ביי קברים הייליקע, וואו די אגדות אַלטע
זאַלבן די לופֿט מיט טרוימען פֿון משיחס קומען.

און ס'האָרכט די ערד אין איר געדולדיק וואַרטן
אויף דעם ערשטן סימן,
אויף דער שעה, ווען דער שטיינערדיקער, שווערער אויבערבאַלקן
פֿון קדמונים אין דער סאַמע מיט געשפּאָלטן,
וואָס רעמט אַרום דאָס פּוסטע טויער צו רואינען,
וועט צופֿאַלן צו איר מיט פֿריידיקן געדונער,
מיט אָנזאָג אויסגעבענקטן — ער איז דאָ.

נאָר איידער קומען וועט דער רחמימדיקער טאָג,
האַלטן ביי די קברים וואַך די אָנגעצונדענע לעכט,
ווי ס'וואָלטן דורות זיך געשטעלט אין פֿלאַמענדע געווענדער
לייענען די קוויטלעך מיט צעקנייטשטע רענדער,
קוויטלעך, ווי מושלעס ימישע פֿאַרדרייט,
אין וועלכע ס'רוישט דאָס מענטשלעכע, דאָס ניט דערלייזטע לייד.



## כאַמסין

עס איז די מיטאָגדיקע שעה צו מיד געוואָרן
אַריינצוקוקן אין די פֿענצטער
פֿאַרהאַנגענע מיט שטאָרן.
זי לעכצט נאָך ווינקלען טונקעלע און קילע ווענט,
נאָך שאָטנדיקע הענט.

שטיינער אויף פֿעלדער נאַקעטע צעזייט,
ווי דינאָסאַורן-אייער גרויס און ווייס און הייס,
בריען אויס אין מיטאָגדיקער חמימה
ערב בראשיתדיקע צייט.

עס רירט זיך נישט קיין גראָז, קיין בלאַט
אין פֿאָרכטיקייט פֿאַרשטאַרט,
ווי ערב יום-הדין,
בעת עס וויל דער מדברס שרפֿה'דיקער גומען
אויסטרינקען די גאַנצע פֿייכטיקייט פֿון ערד
מיט דעם כאַמסין.

עס בלעקערצן די שאָף
אין מיטן וועג,
אויף סטעזשקע דין און שמאָל,
גאַרטלען אַרום דעם באַרג מיט טונקל-גראָער שנור,
און ס'דאַכט, אַז ס'ליגט אויף זייער קרויזלדיקער וואָל
דער שטויב פֿון אַלע שטיקנד-הייסע, מידע טעג.

אַ שוואַרצער פֿלעק באַווייזט זיך אין דער הייך,
דראָענדיק און בייז,
גלייך ס'וואָלט זיך אָנגערוקט אַ נייע ליקוי-חמה
די זון פֿאַרדרענגען פֿון איר איינגעוואוינטן קרייז.

עס בלייבט דער אָדלער הענגען אין דער לופֿט,
אומבאַוועגלעך, גלייך ווי אין אַ דרימל —
נאָר מיטאַמאָל,
ווי ס'וואָלט צו שווער געוואָרן זיינע פֿליגל
דער אויסגעבלאָטער הימל,
לאָזט ער זיך אַראָפּ צום ווילדפֿאַרוואַקסענעם טאָל.

דעם אָדלערס שאָטן פֿליט פֿאָרויס,
אַלץ נענטער, נענטער צו דעם קוסט,
וואָס ציטערט מיט דער טויטן-שרעק
פֿון צוגעטשאַיעטע קרבנות.

אויף גראָז צעפּרילינגטן און גרינעם
דער שאָטן פאַלט מיט טונקלעם פלעק,
ווי ס'וואָלט דער גורל אָנגעטאָן
דער ערד אַ מאַסקע אויפן פנים.

און אויף דעם גראָז
דעם יונגן, העלן
עס בלייבט אַ טונקל־רויטע שפּור,
ווי פון אַ שנור
צעשיטע קרעלן.

און ווייסט אַליין נישט, קענסט נישט אַנען,
צי זיינען דאָס די טראָפּנס בלוט
פון פריש פאַרצוקטן קרבן,
צי האָבן זיך נאָר וואָס צעבליט
אין הייסן, שטיקענדן כאַמסין
די ערשטע אַנעמאָנען.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

## דער שטיינהעקער פון ראשון

(אַ קאַפּיטל פון אַ פּאָעמע)

ברוכל דער עילוי טעסעט אַ שטיק.
ער איז איינגעבויגן,
אין דער אַרבעט פאַרטיפט.
די פונקען פליען
און שרייבן אַ שריפט:
דו ביסט ניט ברוך,
דו ביסט סתם אַ איד,
ווייל יעדער איד —
איז סתם אַ איד.
זיין נאָמען איז אַ צייכן בלויז,
אַז ער געהערט צו יעקבֿ'ס הויז.
זיין נאָמען איז אַ צייכן בלויז.

און אפשר ביסטו איינער פון די ל"ו
האָסט זיך פאַר אַ שטיינהעקער
פאַרשטעלט,
פאַרבונדן אַ שטריק אויף די לענדן
און האַקסט דעם שטיין —
אויף לייטערן די וועלט.

סתם אַזוי —
שטייט אַ איד און האַקט אַ שטיין.

ער איז ניט אויסן דעם שכר־יום,
נאָר סתם אַזוי,
שטייט אַ איד און האַקט אַ שטיין.

ברוכל פאַרציט די שטריק אויף די
לענדן,
דאָס האַרץ צו שטאַרקן,
די ספקות אָפּצואווענדן,
און טרייבט פון זיך דעם ל"ו:
לאָז מיך צורו,
איך בין אַ שטיינהעקער —
און אַ סוף.
גענוג — דער עילוי. גענוג.
גענוג די זאַלבונג פון געהיימען קרוג.
גענוג.
דיינו — צאן קדשים, הייליק שאָף.
איך בין אַ שטיינהעקער —
און אַ סוף.
זע מיינע הענט —
פאַרגרעבט און אָפּגעברענט,
מיין פנים פאַרשטויבט,



איך בין אַ שטיינהעקער,
אין מיין אַרבעט פאַרטרויט.

די פונקען פליען,
איינס נאָך די אַנדערע,
אַ שורה נאָך אַ שורה.
ער לייענט זיי.
דאָס פנים איז פאַרשוויצט,
די אויגן כמורע:
דו ביסט ניט ברוך,
דו ביסט אפשר דער תנא פון אַמאָל.
ער איז געווען אַ שמיד.
נאָר זיין תורה איז ליכטיק געווען,
און לויטער זיין פשט.
גיב אַ קוק:
דו שטייסט אפשר אין זיין וואַרשטאַט.
דו לערנסט אַ נייע הלכה דורך שטיין,
ביסט מחדש.
ס'איז צו גרויסקייט דיין תאווה.
און די פונקען וואָס שרייבן
אַ גאָלדענעם כתב —
איז דאָס פייער פון גאווה.

ברוכל דער עילוי
ווישט אָפּ דעם שוויס פון שטערן

און בעט זיך ביי דעם תנא פון אַמאָל:
טרעט אָפּ פון מיר,
און לאָז מיין האַרץ צורו.
גענוג תנאים פון אַמאָל,
פון איצט — עילויים.
איך ווייס אַז שטיין — איז שטיין,
און שטאָל — איז שטאָל.
איך ווייס, אַז פרייד איז פרייד,
און ענויים — ענויים.
לאָז מיך צורו.
קום נישט צו מיר —
די רעיונות צו פאַרמישן.
איך בין אַ שטיינהעקער —
אַ שטיינהעקער אין ראשון.

געאַרבעט פון פאַרטאָג.
ער דרימלט איין אין שאָטן.
צעהאַקט שוין שטיינער אַ פּאָר טוצן.
נאָר ס'שלאָפט ניט אין זיין האַרץ.
די הענט פאַרגרעבט,
די אַרבל פונ'ם העמד פאַרשאַרצט,
ער פרעגט זיך שאלות,
און ענטפערט זיך אַליין תירוצים.

פונוואַנען קומען פונקען אין אַ שטיין?
ווי קומט פון פינצטערניש אַ ליכטיקער צושטייער?
דאָס איז די בענקשאַפט פון דעם שטיינהעקער,
דאָס איז פון זיינע פינגער דער געוויין,
וואָס שלאָגט אַרויס פון שטיין אַ פייער.

פונוואַנען קומען קלאַנגען צו אַ שטיין?
ער איז די שטומעניש פון שטומע וועלטן.
דאָס איז די אַנגסט פון דעם שטיינהעקער,
דאָס איז דער ווי' פון זיין געביין,
וואָס רופט אַרויס דעם ניגון דעם צעהעלטן.

היינט מה־דאָך אַז אַ שטיין
קען פייער צינדן,
היינט מה־דאָך אַז אין שטומקייט
קענען ניגונים וואָגלען —
קען איך אַוודאי דאָך
צום ווייגאָרטן פון גרויסן מלך גיין
און ווערן דער וויין־שעפער
פון זיינע לאָגלען.

צום גרויסן מלך פאָרט מען אין אַ רייטוואָגן,
און קינדער חדר־אינגלעך פירן אים מיט גאָלדענע רצועות.
מיט די פייגל הונדערט ווערטער ריידן זיי,
און מיטן גרויסן אָדלער פירן זיי אַ שמועס.

און וואָס דער אָדלער זאָגט זיי איז אַ סוד,
זיי טראָגן אים פאַרבאָרגן אין די אויגן,
און דורך טויזנט נעפּלען דערקאָנען זיי אַ ראָד
וואָס האָט דעם מלכס רייטוואָגן געצויגן.

און וואו דער אָדלער האָט זיי אָנגערירט ביים ליפּ,
מעגן זיי אָרעם זיין, פאַרלאַטעט און פאַרשמירט אין סאַזע,
אַ שמייכל זיפּט זיך דורך אַ זונעדיקער זיפּ
און איז מבטל עולם הזה.

מבטל ביטול גמור און אַ סוף.
ווי קען זיין גרויסקייט אין אַ וועלט אַ קליינער?
אין חלום אויסגעבאָדן זייער וואר און זייער שלאָף
אין חלום אויסגעבאָדן ריפּ און ביינער.

זיי לערנען בראשית און זיי לערנען שמות,
זיי טראָגן לאַטעס ווי מעדאַלן,
זיי זיינען פּרינצן פון דעם קעניגלעכן הויז
און די קרוינען דורך אַלע אותיות שטראַלן.

זיי האַקן שטיינער און די פונקען זיינען פייערדיקע בריוו,
עס לייענט זיי דער חלל איבער אַלע וועלטן,
און ווען עס צאַפּלט זיך אין פינצטערניש אַ שיף
זעט זי דעם וועג דורך כתב באַהעלטן.

פונוואַנען קומט אין וויסטעניש אַ בוים?
אָן טוי, אָן רעגן זיינע בלעטער גרינען.
דאָס איז דער חלום פון דעם שטיינהעקער,
דער טוי און רעגן פון זיין טרוים,
וואָס קומט צום מדבר־בוים באַגינען.

היינט מה־דאָך אַז אַ בוים
קען אין דער וויסטע גרינען,
היינט מה־דאָך אַז אַ טוי
קען פאַלן דאָרט באַגינען —
קען איך אַוודאי דאָך
צום טורעם פון דעם גרויסן מלך גיין
און ווערן זיין לאָמפּ־צינדער,
זיין מנורה באַדינען.

צום גרויסן מלך פאָרט מען אויף אַ שיף.
עס טראָגט זי דער לויתן אויף זיין רוקן,
און קינדער חדר־אינגלעך שווימען ברייט און טיף
און שפּאַנען דעם לויתן איין מיט זינגענדיקע פסוקים.



און וואָס דער לויתן זאָגט זיי איז אַ סוד,
ער שמועסט אויף זיין ים־לשון מלעיל־מלרע
און די קינדער לייגן צו אַן אויער גראָד
און שושקען זיך אויף לשון קודש: שמע.

עס דרימלט ברוכל. ער פילט: עס האַלט אים עמעצער ביים אָרעם,
יוסקע שטייט לעם אים, די טשופּרינע צעפּלאָסן:
— אין חלום, ברודערל, ביסטו פאַרפאָרן,
וואָס האָסטו דאָרט גערעדט מיטן לויתן?

אַ חלום, און אַ חלום, און אַ חלום,
יעדער חלום האָט זיין נאַר.
מיר דאַרפן נאָך די שטיינער טעסען,
המתחיל — ווייסטו דאָך — מוז זאָגן גמר.

*

י. אַדלער

## יעקב גאָרדין

(מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים)

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט יעקב גאָרדין איז געווען מיט אַכט־און־פופציק יאָר צוריק אין ברוקלין.

איך האָב אין יענער צייט געהאַט אַ שטיקל שניידער־געשעפטל וואָס איז קוים געווען גענוג צו פאַסטן פיר טעג אין וואָך.

און כדי דאָס הונגערן זאָל מיר אָנקומען גרינגער, האָב איך געהאַט אַ יונגע שיינע פרוי מיט דריי קינדער וואָס זיי האָבן מיר אַ סך אַרויסגעהאָלפן פאַסטן.

דאָס געשעפטל מיינס איז געווען אין 17 ווהיפּל סטריט, וויליאַמסבורג, און יעקב גאָרדינס היים איז געווען אין מעדיסאָן סטריט, אַרום 10 גאַסן פון מיר. און אַז יעקב גאָרדין האָט געוואָלט גיין אין אידישן געגנט, האָט ער געמוזט פאַרבייגיין מיין געשעפטל. ער האָט זיך איינגעשפּאָרט צוויי לאַנגע גאַסן.

אין אַ געוויסן זומער־אָוונט איז יעקב גאָרדין אַריין צו מיר אין געשעפטל, די טיר איז געווען אָפן, און מיך געפרעגט: „זאָגט מיר נאָר, יונגערמאַן, וואָס שרייבט איר אַלע נאַכט נאָך אייער אַרבעט ביז עלף און צוועלף ביינאַכט?”

האָב איך אים געענטפערט: „איך ווייס אַליין נישט... איך שרייב לידלעך, איך שרייב ליצנות, מעשה׳לעך און איך ווייס נישט אויב מען וועט זיי אַמאָל דרוקן; דערווייל שרייב איך”.

איך האָב אָבער געוואוסט מיט וועמען איך רעד. איך האָב אים געקאָנט פון זייער אָפּט הערן זיינע לעקציעס וועגן אידישן טעאַטער.

די לעקציעס פלעגט ער האַלטן ביי די ברענטשעס פונעם אַרבעטער־רינג. ער פלעגט קריגן פאַר אַ לעקציע 5 דאָלאַר, אָבער ער האָט געהייסן די 5 דאָלאַר צושיקן צום „יעקב גאָרדינס סוירקל”.

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט גערעדט וועגן די שונד־פּיעסן וואָס מען

שפּילט אין די אידישע טעאַטערס; וואָס דער אידיש איז קיין אידיש נישט; די מענטשן וואָס מען שטעלט פאָר זענען קיין מענטשן נישט; מען קאָרמעט דעם עולם מיט שטרוי און סעטשקע ווי בהמות.

אויב גיין אין טעאַטער דאַרף מען גיין זען זיינע פּיעסן; זיין „גאָט, מענטש און טייוול", זיין „מירעלע אפרת", זיין אידישן „קעניג ליר" און אַנדערע זאַכן וואָס ער שרייבט.

האָב איך אים, הייסט עס, געקאָנט פון די אַלע לעקציעס, אָבער אַז ער, דער באַרימטער יעקב גאָרדין, זאָל אַריינקומען צו מיר אַזוי אומגעריכט, איז ביי מיר געווען אַ וואונדער.

„הקיצור" — זאָגט ער צו מיר — „איך בין, קען מען זאָגן, אייערער אַ שכן. איך בין נישט מער ווי אַ צען גאַסן אַוועק פון אייך. נאָט אייך מיין אַדרעס און קומט אַרויף צו מיר זונטיק פאַר מיטאָג מיט אייערע מאַנו־סקריפּטן און איך וועל זען וואָס איך קען טאָן עפּעס פאַר אייך. אַזאַ מענטשל ווי איר טאָר נישט זיין קיין שניידער".

פאַרשטייט זיך, אַז זונטיק צען אַזייגער בין איך שוין געווען אין זיין היים.

ווען איך האָב אַ צי געטאָן דאָס גלעקל אין דרויסן, האָט מיר זיין זון געעפנט די טיר און אַ זאָג געטאָן:

„די אַלד מען איז אַפּסטערז" (דער אַלטער איז אויפן צווייטן שטאָק).

ער האָט געהאַט אַ ברוינע שטיינערנע הויז. אונטן איז געווען די קיך און דער עס־צימער און אויפן ערשטן שטאָק זענען געווען די שלאָף־צימערן און זיין אַרבעט־צימער.

זיין אַרבעט־צימער איז געווען נישט קיין גרויסער. גאָרדין איז שוין געזעסן און געשריבן ווען איך בין אַריין.

אויפן שרייב־טיש איז געלעגן שעקספּיר'ס אַ בוך אין גרויסן פאָרמאַט, געבונדן אין לעדער.

ער האָט מיך געהייסן זיצן, צוגענומען פון מיר מיינע אָנגעשריבענע זאַכן און מיך געהייסן קומען אין אַ וואָך אַרום נאָך אַן ענטפער.

אין אַ וואָך אַרום בין איך געקומען, אויך אין אַ זונטיק, האָט ער מיר אָנגעזאָגט אַ פריילעכע בשורה:

אַזוי ווי ל. מילער גיט אַרויס זיין נייע צייטונג די „וואַרהייט", און אַזוי ווי ער, גאָרדין, איז איינער פונעם סטעף און אויך אַ שטיקל שותף, האָט ער אויסגעקליבן דריי זאַכן מיינע פאַר דער „וואַרהייט": איין סקיצע און צוויי לידער. די דריי זאַכן וועלן זיין געדרוקט. ער האָט אויך אָפּגעמאַכט מיט מילער'ן, איך זאָל קריגן 13 דאָלאַר: 5 דאָלאַר פאַר דער סקיצע און 8 דאָלאַר פאַר די צוויי לידער.

ער האָט מיר באַלד אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער צו מילער'ן איך זאָל מאָרגן, מאָנטיק פרי, אַוועק צו מילערן וועל איך קריגן די 13 דאָלאַר.

די געבליבענע מאַנוסקריפּטן מיינע האָט ער מיר צוריקגעגעבן און געזאָגט: „שרייבט ווייטער. איר האָט טאַלאַנט, אָבער איר מוזט דעם טאַלאַנט אַנטוויקלען; מיט דער צייט וועט איר פּטור ווערן פון אייער שניידעריי. אַזאַ איד ווי איר דאַרף נישט זיין קיין שניידער".

אויף מאָרגן, מאָנטיק, בין איך אַריבער קיין ניו־יאָרק צו דער „וואַרהייט" און מילער, דער רעדאַקטאָר, האָט מיך צוגעשיקט צום קאַסירער און ער האָט מיר געגעבן די 13 דאָלאַר אין „קעש", נישט קיין טשעק.

זייט דעמאָלט בין איך כמעט יעדן זונטיק פאַרמיטאָג געווען ביי גאָרדינען,



געוויזן די נייע זאַכן וואָס איך האָב געהאַט דורך דער וואָך אָנגעשריבן און אויב ס'איז אים איינע אָדער צוויי זאַכן געפעלן, האָט ער זיי איבערגעגעבן און איך האָב באַקומען עטלעכע דאָלאַר.

ווען מיר זענען נענטער באַקאַנט געוואָרן, האָט ער מיר געגעבן אַן עצה, אַז איך זאָל שרייבן פאַר דער „וואַרהייט" סאַטירישע נאָטיצן וועגן דער איסט־סאַיד און די נאָטיצן זאָלן טראָגן דעם נאָמען פון: „פויגל־מילך". די נאָטיצן זאָלן זיין געדרוקט איינמאָל אַ וואָך אין שבת'דיקן נומער אויף דער אַכטער זייט, וואו הערמאַלין האָט זיינע ווייבערשע עדיטאָריעלס. און אונטערשרייבן זאָל איך זיך: „דער לץ פון דער רעדאַקציע".

איך האָב אים געפאָלגט און די נאָטיצן זענען געגאַנגען אַריבער זעקס חדשים און איך האָב באַקומען יעדע וואָך 7 דאָלאַר.

איינמאָל זאָגט צו מיר דער רעדאַקטאָר מילער: „איך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט גוט אַריינזאָגן אונזערע רעדל־פירער אין די שבת'דיקע נאָטיצן, זיי דערלאַנגען אַ גאָב!..."

און ער האָט מיר געגעבן אַ צעטל מיט נעמען פון באַרימטע אידן.

האָב איך אים געענטפערט: „איך וויל זיין ביי אייך אַ מיטאַרבעטער, אָבער נישט אַ הונט!..."

און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ מין שרייבן און אָנפאַלן אויף באַ־קאַנטע פערזענלעכקייטן.

איינמאָל, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען מיין שניידער־געשעפט, האָט ער מיט זיין שטעקן אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר און מיט מיר אָפּגעמאַכט: „אויב דער אָוונט וועט זיין אַ שיינער, זאָל איך זיך מיט אים באַגעגענען אין טאָמפּקינס פאַרק", וואָס איז נישט ווייט פון מיר און נישט ווייט פון אים, גלאַט כאַפּן אַ שמועס.

און מיר האָבן זיך אָפּט באַגעגנט אין דעם קליינעם פאַרק. געזעסן. ער האָט גערעדט און איך האָב געהערט.

און אַלע געשפּרעכן זענען געווען נאָר וועגן אַב. קאַהאַן. וועגן דער סעריע אַרטיקלען וואָס קאַהאַן שרייבט וועגן זיינע פּיעסן. „וואָס וויל ער האָבן פון מיר?!" האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן, „וואָס דערגייט ער מיר די טעג מיט די יאָרן?"

און איך האָב זיך געטראַכט: „ווי קום איך צו אים? איך בין דאָך נאָך אַקעגן אים אַ אינגל, ער, דער באַרימטער יעקב גאָרדין, זאָל מיט מיר אַרומשפּאַצירן ווי איך וואָלט זיין זיינס גלייכן? ווי קום איך צו אים?"

ער האָט אויך רעדאַקטירט אַ געוויסע צייט אַ טעאַטער־צייטונג, האָט ער מיינע זאַכן אַלע מאָל געדרוקט, כאָטש זיינע נאָענטסטע פריינט זענען געווען מאָריס ווינטשעווסקי און לואיס מילער.

ווען ער איז קראַנק געוואָרן האָבן די דאָקטוירים באַלד דערקלערט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גרויסע האָפענונג...

די וואָס האָבן געוואוסט דעם אמת האָבן געשוויגן. דאָס הייסט, זיינע נאָענטסטע פריינט.

ער האָט אויך געהאַט אין זיין צימער אַ קאַנאַריקל וואָס פלעגט זייער שיין זינגען, און ווען ער, גאָרדין, איז געשטאָרבן, האָט דאָס קאַנאַריקל אויפגעהערט צו זינגען.

# דער אָפּרוף אויפֿן ערשטן נומער „סביבה"

מיט אַ היפּשער אַנלאָדונג פֿון ספיקות האָבן מיר אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער „סביבה".

עס איז געווען כמעט אַן איבערראַשונג דער וואַרעמער אָפּרוף אויפֿן ערשטן נומער. מיר האָבן באַקומען אַ סך בריוו פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פֿון אַמעריקע, קאַנאַדע און ישראל. מיר פֿאַרעפֿנטלעכן דאָ אויסצוגן פֿון אַ צאָל בריוו לויטן סדר ווי מיר האָבן זיי באַקומען.

פֿאַרעפֿנטלעכן בריוו איז נישט קיין מידה פֿון עניוות. נאָר אין דעם מצב אין וועלכן מיר געפֿינען זיך איז אפֿשר אַ מצווה אַראָפּצושאָקלען אַ פּאָר מעסטלעך פֿון באַשיידנקייט.

ש. באַנטשעק — ניו־יאָרק (דער ערשטער אַבאָנענט פֿון דער „סביבה"): איך בין אַ לייענער פֿון אידישער ליטעראַטור... בעט איך אייך מיר צושיקן דעם נומער „סביבה" פֿאַר וועלכן איך שיק אייך בייגעלייגט אַ טשעקל. ווינטש איך אייך מזל און לעבן און דאָס זעלבע מיטן זשורנאַל פֿאַר לאַנגע נחתדיקע יאָרן.

מאָלי און איזידאָר רובינשטיין — מיאַמי: מיר ווינטשן אייך דערפֿאָלג מיט אייער נייער „סביבה". מען דאַרף ניט קלערן וואָס געווען, מ'דאַרף איצט.

דר. שרה פֿעדער — קאָלאָמבוס, מיזורי: איך וויל ווינטשן אייך און די מיטאַרבעטער פֿון „סביבה" אַ סך יאָרן... די וואָס האָבן ליבע און רעספּעקט צו דער אידישער שפּראַך באַגריסן אייער איבערגעבנקייט צו דער אידישער ליטעראַטור דורך אייער נייסטער ליטעראַרישער אונטערנעמונג. זייט געגריסט און געשטאַרקט.

ווילי שאָו — לאָס אַנדזשעלעס: עס איז דאָך אַ וואונדערלעכער זשורנאַל, פֿון דער ערשטער זייט ביז דער לעצטער איז עס אמתע קונסט. דער זשורנאַל „סביבה" איז אַ געשעעניש אין דער ליטעראַרישער וועלט... נ. ב. פֿאַרוואָס בלויז דריי דאָלאַר? פֿינף דאָלאַר וואָלט דאָך געווען אַן אויסערגעוויינלעכע מציאה.

ה. טאַלמאַטש — מאָנטרעאָל: דערהאַלטן אייער ערשטן באַנייטן נומער „סביבה" — איז פֿאַרוואָס ווייס איך ניט, איך האָב עס געלייענט אַן אָוונט און אַ האַלבע נאַכט און איך געדענק שוין ניט די צייט פֿון אַזאַ זעלטענער הנאה. זיך פּשוט אָפּגעפֿרישט.

דאָראַ ליטמאַן — עלקינס פּאַרק, פּענסילווייניאַ: מיר האָבן דערהאַלטן די „סביבה"... ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ געלעגנהייט אָפֿטער לייענען אַזעלכע זאַכן, וואָלט אפֿשר די אידישע קולטור געהאַט אַן אַנדער גאַנג.

(ווייטערדיקע בריוו אין די קומענדיקע נומערן)

---

„סביבה" זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור און קריטיק
רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**
Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy
*Editor:* K. Molodowsky, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.
PRINTED IN U·S·A



# סביבה

פֿערטל־יאָר שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור און קריטיק

◈

לידער פֿון אונזער סביבה......יעקב גלאַטשטיין
אויסגעזונגען (ליד)......מלך ראַוויטש
ווען דער רעאַליזם פֿאַרשטעלט דעם וועג צום אמת......י. באַשעוויס
עמוד־האש, וואָס איז געבליבן ברענען נאָך מיין רבין (פּאָעמע)......חיים גראַדע
פֿרילינג־רויזן (דערציילונג)......קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
פּאַראַגראַפֿן וועגן פּאָעטישן אימאַזש......אהרן צייטלין
לידער......אליעזר גרינבערג
ווערבע ביים טייך (ליד)......רחל קאָרן
פֿיר נביאים — זייער בילדלעכקייט......אפֿרים אויערבאַך
לידער......גבריאל פּרייל
מענדעלעס רמזים (צווייטער אַרטיקל)......שמחה לעוו
צוויי לידער......מ. אָליצקי
די אידייע פֿון דער אידישער ליטעראַטור......א. לעיעלעס
לידער......רבקה באַסמאַן
אידיש מיט רש"י......משה שטאַרקמאַן
חכם רחמים פֿון אַלט־ירושלים (דערציילונג)......ארי אבן זהב
די ווערטער פֿון אַ ליד און די נשמה פֿון אַ ליד (אַנטאָלאָגיע „דהי גאָלדען פּיקאָק")......ק. מאָלאָדאָווסקי
אָפּרופֿן אויף דער „סביבה".

◈

נומער 3
סיון, תשכ"א — מאַי, 961
ניו־יאָרק, נ. י.